STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05253

DOS KINSTLERISHE SHAFN

D. N. Ovsianiko-Kulikovskii

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אוניווערסאל ביבליאטעק

ד. נ. אווסאַיניקאָ—קוליקאָווסקי.

דאס קינסטלערישע שאפען

אידיש פון חיים האלמשטאק.

5

ארויסגעגעבען פון
פארלאג „די היים“
ניו יארק.

Copyrighted, 1919
By
Farlag "HEIM," Inc.

די יסודות פון קינסטלערישען שאפען.

1.

די אויפגאבע פון דעם דאזיגען פארטראג איז פעסטצר־שטעלען די וויסענשאפטליכע גרונד־באַ־גריפען, וואס זיינען שייך צו דער פסיכאלאגיע פון קינסטלערישען שאַ־פען. כדי זיי פעסטצושטעלען איז פריהער פאר אלע נויטיג א ריכטיגע קלאסיפיקאציע פון דער ערשיינונג, וואס מיר ווילען שטודי־רען. אויף דער פראגע: צי איז מעגליך אזא מין קלאסיפי־קאציע איידער מיר האבען ערלערנט די נאטור פון דער ערשיי־נונג? — וועלען מיר ענטפערען: ס'איז גאנץ מעגליך, אויב נאר די באטרעפענדיגע ערשיינונג איז אונז גענוג באקאנט, אויב מיר האבען וועגען איר געוויסע ידיעות, וואס מיר האבען באקומען פון אונזער דערפארונג, ידיעות אויף אזויפיל ריכטיגע, אז מיר קאנען גאנץ לייכט אונטערשיידען די דאזיגע ערשיי־נונג פון אלע אנדערע. אזוי למשל, ניט האבענדיג נאך קיין וויסענשאפטליכע באגריפען וועגען דער נאטור פון קינסטלערי־שען שאפען, ניט קאנענדיג דעפינירען, וואס איז דאס אזוינס קונסט, ווייסען מיר דאך גאנץ גוט, אז, צום ביישפיל, „יעווגעני אניעגין“, „טויטע נפשות“, קאלצאוו'ס לידער, אייוואַ־

זאוואָסקי׳ס אַ בילד, גלינקאַ׳ס אַן אָפּערע איז אַ. וו. זיינע
ווערק פון קינסטלערישע שאַפן, ניט פון אַ וועל־
כן עס איז אַנדערע, לאָמיר זאָגן, פילאָזאָפישע אָדער וויסנ־
שאַפטליכע שאַפן. פון דער אַנדער זייט וויסן מיר אויך
זיכער, אַז דאָס באַשאַפן פון אַ קינסטלעריש ווערק איז אַן
אַרבעט, אָפט זעהר אַ קאָמפּליצירטע און אַ שווערע, און אַז די
דאָזיגע אַרבעט איז אַן אינטעלעקטועלע, אַן אַר־
בעט פון געדאַנק. בײַ איינעם וואָס איז ניט גע־
וואוינט געוואָרן צום פּסיכאָלאָגישן דענקן, קאָן דאָ אַמאָל
אַרויסקומען אַ ספק מכח געזאַנג און מוזיק: ער קאָן מיינען,
אַז דאָ אַרבעט ניט דער געדאַנק, נאָר דאָס געפיהל. עס איז
אָבער ניט שווער צו פאַרענטפערן די דאָזיגע ספקות; דער זינ־
גער, דער מוזיקער דער קאָמפּאָזיטאָר דריקן אויס דורך מוזי־
קאַלישע קלאַנגען געפיהלן אַזוי אויך ווי געדאַנקען; אפילו
אין אַזאַ פאַל, ווען, לאָמיר זאָגן, עס ווערן דורך זיי אַרויס־
געבראַכט נאָר געפיהלן (אַ פאַל, איינגענטליך, אַן אוממעגלי־
כער), איז דער פאַקט אַליין וואָס די דאָזיגע געפיהלן ווערן
אויסגעדריקט, שוין אַ פאַקט פון אַ שכל׳דיגער
ערשיינונג. ווארום בײַ אַ מענטשן איז יעדער אויס־
דרוק פון אַ פּסיכישן פּראָצעס, דורך אַ זשעסט, אַ וואָרט,
אַ קלאַנג, אַ צייכן צי אַ סימבאָל שוין במילא אַ געדאַנק־
ליכער אַקט. און וואָס מער קאָמפּליצירט דער צייכן איז,
וואָס קונציגער אָדער קינסטליכער דער אויסדרוק איז, אַלץ מער
עלעמענטן פון געדאַנק פאַרמאָגט ער. אַן איינפאַכער זשעסט,
וואָס דריקט אויס אַן עלעמענטאַר געפיהל, פאַרמאָגט שוין אין
זיך אַ טיילכעל פון געדאַנק, היינו די פאָרשטעלונג פון דעם
דאָזיגן געפיהל. הייסט עס, וואָס קאָמפּליצירטער און העכער

דאס געפיהל איז, אלץ מער אינטעלעקטועלע ארבעט פאדערט זיך צו באשאפען דעם דאזיגען אויסדרוק.

די מוזיק איז א פראצעס פון באשאפען קאמפליצירטע סימבאלען, וואס ווערען גאנץ ריכטיג אנגערופען „מוזיקאלישע אידעען". זאל דאס אויסגעדריקטע זיין געפיהל, און ניט געדאנק, אבער זיין מוזיקאלישער אויסדרוק איז פריהער פון אלץ אן ארבעט פון געדאנק, נעמליך פון מוזיקאלישען געדאנק.

אלזוי, אויב די קונסט, מוזיק אריינגערעכענט, איז אן ארבעט פון געדאנק, מוזען מיר זי קלאסיפיצירען מיט אנדערע אנאלאגישע מינים ארבעט פון געדאנק. מען דארף זיי ווייט ניט זוכען. עס איז קלאר פאר יעדען, אז מיר קענען ניט זוכען קיין קינסטלעריש שאפען, למשל, אין אזא ארבעט פון געדאנק, ווי, לאמיר זאגען, די „קולינארע קונסט," צי די סטאלערשע א. ד. ג., אדער אין דער ארבעט פון געדאנק, וואס דריקט זיך אויס אין דער טעטיגקייט פון א פארוואלטער פון א באנק, אדער א דירעקטאר פון א גימנאזיע. אין ברייטען זין איז יעדע מענטשליכע טעטיגקייט אדער אומטעטיגקייט א „שכל'דיגע ארבעט." אהן דער טעטיגקייט פון מארך קען מען ניט אויפנייען קיין שוך, קען מען ניט געהן, ניט רעדען, ניט לאנגווייליגען זיך. זי ווערט פארטגעזעצט אפילו אין שלאף. — עס איז קלאר פאר יעדען, אז די שכל'דיגע ארבעט, וואס דריקט זיך אויס אין דער קונסט, מוז זיין שטרענג אפגעשיידט פון אלע מינים פראקטישע ארבעט פון געדאנק, וואס ווערט געריכטעט צו באפרידיגען די אלטעגליכע באדערפעניששען, אזוי אויך פון דער ארבעט, וואס ווערט מאטיווירט פון די צופעליגע אומשטענדען פון געגעבענעם מאמענט. די קינסטלערישע טעטיג-

קייט פון דעם מענטשען און אפילו יעדע מאמענטאל פאר־ בייגעהענדיגע קינסטלערישע באוועגונג פון אונזער געדאנק, ווערט מאטיווירט ניט פון דרויסען, נאר פון אינוועניג, ווערט געבארען פון עפעס אן אינוועניגסטער באדערפעניש פון דער נשמה. דאס איז די באדערפעניש פון אויס־ דרוק, — א באדערפעניש, וואס געפינט איר באפרידיגונג אין דעם אויסדרוק אירען גופא, אומאפהענגיג פון זיינע ווייטערדיגע פאלגען און באנוצונגען.

לאמיר נעמען א ביישפיל: אן ארכיטעקטאר בויט א הויז. אויב ער האט זיך דערביי גערעכענט ניט מער ווי מיט די צילען וואס דאס הויז באצוועקט, אויב ער האט געהאט אין זינען נאר די פאדערונגען פון באקוועמליכקייט, שטארקייט, הכנסה, ענדליך פון אויסערליכער שענקייט, ווי ער פארשטעהט דאס, אדער ווי דער בעל־הבית פון הויז פארשטעהט דאס, און מער האט ער גארנישט אריינגעלעגט אין אט דער באשאפונג פון זיין בוי־ קונסט, — איז, ווי דאס הויז זאל ניט זיין שטארק, באקוועם, פיין און אז. וו., ווערט דאס ניט זיין קיין ווערק פון קינסטלערי־ שען שאפען. אויב אבער דער ארכיטעקט־קינסטלער, ניט אויס־ לאזענדיג פון אויג די פאדערונגען פון באקוועמליכקייט, פיינ־ קייט און אז. וו., האט אין דער זעלבער צייט פארקערפערט אין זיין ווערק זיין געדאנק, זיין שטימונג, דאן ווערט דאס אויסגעבויטע הויז, א חוץ זיין אייגענטליכען באַרוף, זיין אויך אן אויסדרוק פון די קינסטלערישע אידעען פון דעם בוי־מייסטער: דאס ווערט זיין א קונסט ווערק. און אזוי ווערט דאס זיין אפילו אין דעם פאל אויב

עס וועט זיך ארויסווייזן, אז דאָס הויז איז ניט באַקוועם, ניט שטאַרק, ניט שעָן. דאָס הויז קאָן זיך ארויסווייזן אַלס אַ שלעכט קונסט־ווערק און צייגען די שוואכע קינסטלערישע באַ־גאַבטקייט פון דעם בוי־מייסטער, אבער דאָס וועט ניט שטע־רען דעם ווערק אין דער אַנגעהעריגקייט צום געביט פון קונסט.

ווען עס רופט זיך אָפּ די באַדערפעניש פון דעם מענטשען זיך אויסצודריקען און עס ווערט באַשאַפען דער באַטרעפענדיגער אויסדרוק, געלונגען צי ניט געלונגען—דאָס איז אַלץ איינס, אבער אַזאַ, מיט וועלכען דער מענטש באַפרידיגט דעם דאָזיגען דראַנג זיך אויסצודריקען, דאַ־מאַלס האָבען מיר דאָס קינסטלערישע שאַפען. קונסט איז ברייטען זין פון וואָרט.

איז לאָמיר אַ זוך טאָן אַנאַלאָגישע פּראָצעסען אויף אַנדע־רע געביטען פון מענטשליכער טעטיגקייט, — פּראָצעסען פון געדאַנק, אין וועלכע עס זאָל זיך אויך ארויסווייזן אָט דער אויבענדערמאָנטער שטריך, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער קונסט.

אויף וויפיעל די רעליגיע איז אַ פּראָדוקט פון אַ לעבעדיגער נשמה באַדערפעניש, אויף וויפיל דער מענטש גע־פינט אין אירע דאָגמאַטען, פאָרמען, צערעמאָניעס און תפלות אַ באַפרידיגונג פון אָט דעם „גייסטיגען דאָרשט” און אַ אויסדרוק פון זיינע רעליגיעזע אידעען און שטימונ־גען, אויף אַזויפיל איז אומצווייפעלבאַר די אינוועניגסטע, פּסי־כאָלאָגישע פאַרוואַנדשאַפט פון רעליגיע מיט קונסט.

אויף וויפיל די מעטאַפיזיק איז אַ פּראָדוקט פון אַ לעבע־דיגער באַדערפעניש פון געדאַנק, און דער דענקענדיגער מענטש געפינט אין אירע אויספירונגען און קאָנסטרוקציעס אַ באַ־

פ ר י ד י ג ו נ ג פון אַט דעם גייסטיגען דאַרשט און אַ ז אוי ס ד ר ו ק פון זיינע שטרעבונגען צו אַ פילאָזאָפישער איינהייטליכקייט פון געדאַנק. אויף אַזויפיל איז אויך די מעטאַפיזיק אַזאַ מין שאַפען, וואָס איז לויט זיין גייסט, לויט זיין פסיכאָלאָגישער נאַטור אין קרובה׳שאַפט מיט׳ן קינסטלערישען שאַפען. אויף וויפיל די פּ אָ ז י ט י ו ו ע ו ו י ס ע נ ש אַ פ ט און די ק ר י ט י ש ע (פּ אָ ז י ט י ו ו ע) פ י ל אָ ז אָ פ י ע, וואָס פאַראייניגט דעם גאַנצען סכום פון וויסענשאַפטליכען וויסען, זיינען אַ רעזולטאַט פון אַ לעבעדיגער באַדערפעניש צו גענויער דערקענטעניס און איר איינהייטליכקייט; און אויף וויפיל דער מענטשליכער געדאַנק געפינט אין די אויספירונגען, פאָרמולעס און געזעצען פון דער וויסענשאַפט און אין די אידעען פון דער וויסענשאַפטליכער פילאָזאָפיע אַ ב אַ פ ר י ד י ג ו נ ג פון אַט דעם גייסטיגען דאַרשט און אַ ז אוי ס ד ר ו ק פון זיינע שטרעבונגען צו דערקענטניס און באַטראַכטונג פון דעם קאָסמאָס, — אויף אַזויפיל מוז די וויסענשאַפט און די וויסענשאַפטליכע פילאָזאָפיע אַנערקענט ווערען אַלס פּראָצעסען, וואָס געפינען זיך אין אַ נאָהענטער פסיכאָלאָגישער קרובה׳שאַפט מיט׳ן פּראָצעס פון קינסטלערישען שאַפען.

ענדלי.. אויף וויפיל די ט ע כ נ י ק איז אַ שעפערישער פּראָצעס און דערשיינט אַלס רעזולטאַט פון אַן אינערליכער באַדערפעניש צו ערפינדען, דינענדיג אַלס ב אַ פ ר י ד י ג ו נ ג פון אַט דעם גייסטיגען דאַרשט און אַלס אוי ס ד ר ו ק פון די שטרעבונגען פון טעכנישען טאַלאַנט און זשעני, אויף אַזויפיל איז אויך די טעכניק אַזאַ טעטיגקייט פון געדאַנק, וואָס איז פסיכאָלאָגיש פאַרוואַנדט מיט דער קינסטלערישער.

אלזוי, דאס קינסטלערישע שאפען קלאסיפיצירט זיך בטבע מיט'ן רעליגיעזען, מעטאפיזישען, וויסענשאפטליכען, וויסענשאפטליך־פילאזאפישען און טעכנישען שאפען.

און אלע אינאיינעם, רעליגיע, מעטאפיזיק, די וויסענשאפט מיט דער וויסענשאפטליכער פילאזאפיע, די טעכניק און די קונסט זיינען בטבע אין קרובה'שאפט און קלאסיפיצירען זיך פסיכאלאגיש אינאיינעם מיט דער שפראד, פארשטעהענדיג שפראד אלס א טעטיגקייט פון געדאנק און א פסיכישע פונקציע, וואס באזירט אויף דער טיפער באדערפעניש פון דער מענשליכער נשמה — אויסצודריקען זיך זעלבסט און געפינען אין אט דעם אויסדרוק א באפרידיגונג פון „גייסטיגען דארשט."

דא עפענט זיך פאר אונז די פאלגענדיגע פערספעקטיוו פון אויספארשונגען: 1) מען דארף אויפדעקען די פסיכאלאגישע נאטור פון די פראצעסען, וואס זענען אלגעמיין פאר די אלע אויסגערעכענטע מינים פון מענטשליכער טעטיגקייט, אנהויבענדיג פון דער שפראד; 2) מען דארף באשטימען די סמנים, מיט וועלכע יעדערער פון זיי איז אפגעשיידט; 3) מען דארף אויספארשען זייערע געמיינזאמע באציהונגען, ווי זיי ווייזען זיך ארויס אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט; 4) מען דארף, ארויסגעהענדיג פון דעם כלל — ברענגען דאס קאמפליצירטע צום איינפאכען, אויפדעקען אין דער שפראד די יעניגע עלעמענטען, פון וועלכע עס זיינען עוואלוציאנס־מעסיג אנטשטאנען די העכסטע פארמען פון

מענטשליכען שאַפען, ווי דאָס קינסטלערישע, אַזוי אויך אַלע אַנדערע.

ווענדענדיג זיך איצטער צו אונזער ספּעציעלער אויפגאַבע, ווע‏לען מיר זיך פּרוּווען פעסטצושטעלען דעם באַגריף פון קינסטלערישען שאַפען אָפּגעשיידט פון אַלע אַנדערע מינים שאַפען. מען מוז אויסאַרבעטען אַ ברייטע דעפיניציע פון קונסט, אַ דעפיניציע, וואָס זאָל גלייך דעקען די בילדער־ליכע קונסט אַזוי אויך ווי די לירישע קונסט.

2.

געוויינטליך דעפינירט מען די קונסט אַלס אַ רעפּראָ־דוצירונג פון דער ווירקליכקייט. מען דאַרף צוגעבען: „רעפּראָדוצירונג פון דער ווירקליכקייט אין בילדער". אָבער אונטער אַזאַ דעפיניציע געהט ניט אונטער אַ גרויסער טייל פון דער אַזוי גערופענער ליריק, איבער־הויפּט יענער טייל פון דער לירישער פּאָעזיע, וואָס רעפּראָדוצירט אומבילדערליכע געדאַנקען, געפיהלען און שטימונגען, און די מוזיק. קומט אויס, הייסט דאָס, אַז די אויבענגעבראַכטע דעפיניציע איז צו שמאָל. זי איז אָבער אין דער זעלבער צייט אויך צו ברייט, וואָרום בילדער, וואָס רעפּראָדוצירען די ווירקליכקייט, זיינען גאָר ניט קיין מאָ־נאָפּאָל פון דער קונסט: מיר געפינען זיי אויך אין איינינגע — באַשרייבענדיגע — וויסענשאַפטען, ווי אין דער זאָאָלאָגיע, למשל, צי אין דער געשיכטע. — לאָמיר פּרוּווען באַגרעניצען דעם באַגריף „בילד" צוגעבענדיג צו אים אַ באַשטימונגס־וואָרט: „טיפּיש". מיר וועלען זאָגען אַזוי: „די קונסט איז אַ רעפּראָדו־

צירונג פון דערווירקליכקייט אין טיפּישע בילדער.“ איז דאָס אָבער אויך אַ קנאַפּע ישועה. וואָרום די באַשרייבענדיגע זאָאָלאָגיע שטרעבט אויך צו באַשאַפן טיפּישע בילדער (פון בעלי־חיים), די אַנטראָפּאָלאָגיע שטודירט און רעפּראָדוצירט אין בילדער די טיפּען פון ראַסען, די געשיכטע שילדערט דעם כאַראַקטער פון היסטאָרישע העלדען אין דער פאָרמע פון בילדער, וואָס זיינען טיפּיש פאַר דער באַטרעפענדיגער עפּאָכע און סביבה, שטייגענדיג ניט זעלטען צו דער הויך פון אמת׳ער קינסטלערישקייט (למשל, בא קאָסטאָמאַראָוו׳ן). און דאָך (ניט קוקענדיג אויף דער מיינונג פון איינצעלנע געלערטע) וועלען מיר געשיכטע ניט אָנרופען קונסט. לאָמיר פּרואוון אריינברענגען אין דער אויבענגעבראַכטער דעפיניציע נאָך אַ וואָרט און זאָגען: „די קונסט איז אַ רעפּראָדוצירונג פון דער ווירקליכקייט אין טיפּיש קינסטלערישע בילדער.“ וועט דאָס אָבער זיין אַ טויטאָלאָגיע, כל זמן דער באַגריף „קינסטלערישקייט“ האָט בא אונז די זעלבע באַדייטונג וואָס דער באַגריף „קונסט.“ אחוץ דעם וועט די דאָזיגע טויטאָלאָגיע ברענגען דערצו, אַז פון דעם געביט פון קונסט וועט אויסגעשלאָסען ווערען אַן אומגעהויער גרויסע צאָל ווערק, וואָס פאַרמאָגען בילדער וואָס רעפּראָדוצירען די ווירקליכקייט, אָבער ניט קיין קינסטלערישע, ווי, צום ביישפּיל, די בילדער אין ראָמאַנען און דערציילונגען פון צווייטער און דריטער קלאַס בעלעטריסטען, ווי אויך — די גאַנצע אַרכאַאישע קונסט און אַלץ וואָס איז „ביליג“ אין דער ליטעראַטור. וואו זשע זאָל מען אַהין טאָן די אַלע ווערק? וואוהין זאָל מען זיי צורעכענען? האָבען מיר אַ רעכט אויסצושליסען זיי פון דער ספערע פון קונסט?

דאָ זיינען מיר געקומען צו דער וויכטיגער פראַגע וועגן

צוויי שטאַנדפּונקטען, מיט וועלכע מיר זאָלען זיך באַנוצען: אין דער ברייטער ספּפערע פון קונסט: 1) ד ע ר ה י ס ט אָ ר י ש ע ר אָ ד ע ר ע װ אָ ל ו צ י אָ נ ע ר ע ר און 2) ד ע ר ע ס ט ע ט י ש ע ר ש ט אַ נ ד פּ ו נ ק ט. דאָס איז די פראַגע װעגען דער פאַרשיידענקייט פון די באַגריפען: 1) ק ו נ ס ט א י ן ב ר י י ט ע ן ז י ן און 2) ק ו נ ס ט א י ן ע נ ג ע ן ז י ן.

פון איין זייט האָבען מיר אונזערע דרום־רוסלענדישע שטיינערנע „ב אַ ב ע ס“, פון דער אַנדער זייט — װענוס פון מילאָס. די שטיינערנע באַבעס געהערען צו דער קונסט אין ברייטען זין. װענוס פון מילאָס געהערט צו דער קונסט אין ענגען זין. דאָס זעלבע געפינען מיר אויך אין דער ליטעראַטור (אין פּאָעזיע), האָבענדיג פון איין זייט „די מלחמה פון די רוסען מיט די קאַבאַרדינער“, און פון דער אַנדערער — די װערק פון פּושקין, גאָגאָל, טורגעניעװ און אַז. װ.

א י ן ב ר י י ט ע ן ז י ן א ו ן פ ו ן ה י ס ט אָ ר י ש ע ן, אָ ד ע ר, ב ע ס ע ר, פ ו ן ע װ אָ ל ו צ י אָ נ ע ר ע ן ש ט אַ נ ד פּ ו נ ק ט איז דער האַמעטנער געץ פון דעם װילדען, דאָס ביליגע גאַסען־בילדעל, דאָס אומגעלומפּערט װערק פון דער ביליגער ליטעראַטור — דאָס אַלץ איז אַן צװייפעל ק ו נ ס ט, װי זעאוס פון פידיאַס, ראַפאַעל׳ס מאַדאָננאַ, פּושקין׳ס אַ פּאָעמע, טאָלסטאָי׳ס אַ ראָמאַן און אַז. װ. דאָרטען אַזוי אויך װי דאָ, האָבען מיר בילדער, װאָס רעפּראָדוצירען די װירקליכקייט.*) אין ענגען זין און פון שטאַנדפּונקט

*) באַמערקונג. זעאוס איז באַ פידיאַס׳ן אַ װירקליכקייט, ניט רעדענדיג שוין פון דעם, װאָס דאָס בילד האָט רעפּראָדוצירט אויך די מענטשליכע װירקליכקייט, און האָט פאַרקערפּערט אַ געװיסען כאַראַקטער אָדער פּסיכאָלאָגישען טיפּ.

פון דער פּאַרווירקליכטער קינסטלערישקייט וועלען מיר אַ בײַ־ליג גאַסען־בילדעל אָדער אַ שטיינערנע באַבע ניט אָנרופען „קונסט“; מיר וועלען דעם נאָמען ניט געבען אפילו צו מאַר־לינסקי׳ס דערציילונגען, ניט רעדענדיג שוין פון סומאַראַקאָוו׳ס טראַגעדיעס און אַז. וו., און אַז. וו.; פון דעם דאָזיגען שטאַנד־פּונקט וועט קונסט פאַרגעשטעלט ווערען אין די פּאָעמען פון האָמער, אין „דאָן־קיכאָט“ פון סערוואַנטעס, אין דער פּאָע־זיע פון שילער, פּושקין, גאָגאָל, א. אַז. וו. א. אַז. וו.

קונסט אין ענגען זין הייסט די קונסט, וואָס איז געבראַכט צו דער מדרגה פון קינסטלערישקייט. איך וואָלט געהאַלטען פאַר ניצליך צו באַנוצען זיך דאָ מיט׳ן באַגריף פון „אויסגעדרוקטע גרויסען“. אין דער פּסיכאָלאָגיע ווערט דער דאָזיגער באַגריף גאַנץ שטאַרק באַנוצט, דערהויפּט אין דער ספערע פון שפּראַך און געדאַנק. די אַרכאַאישע קונסט איז, פאַרשטעהט זיך, קונסט (און ניט וויסענשאַפט, צי פילאָזאָפיע און אַז. וו.), אָבער מיט דער אַנטוויקלונג פון קינסטלערישקייט, מיט׳ן פּראָגרעס פון שאַפען, האָט מען דאָס אויפגעהערט צו באַנעמען, און זי האָט אויפגעהערט צו ווירקען אויף׳ן געדאַנק און אויף׳ן געפיהל, ווי עס ווערט אויפגענומען און ווי עס ווירקט קונסט, און זי איז געוואָרען „אַן אויסגעדרוקטע“. אַן אַנאַלאָגי־שע ערשיינונג קאָן מען באַאָבאַכטען אויך אין אַנדערע ספער־רען, ווי למשל, אין וויסענשאַפטליכען דענקען. אמאָל איז אַס־טראָלאָגיע געווען אַ וויסענשאַפט. נאָר זינט עס איז געקומען די אַסטראָנאָמיע, איז אַסטראָלאָגיע געוואָרען אַן אויסגעדרוקטע ווי־סענשאַפט. די מעדיצין פון אַלטערטום איז אַמאָל אויך געווען אַן „אמת׳ע“ וויסענשאַפט, זי איז אָבער נאָכדעם געוואָרען אַן

אויסגעדרוכטע, זינט די נייע מעדיצין איז פעסטגעשטעלט געווארען אויפ'ן געזונטען באזיס פון אנאטאמיע, פיזיאלאגיע און פאטאלאגיע. מען קאן זאגען אזוי: דער פראגרעס פון „וויסענשאפטליכקייט" ווארפט אראפ די פריהערדיגע וויסענשאפטען אויף דער מדרגה פון אויסגעדרוכטע. ווענדענדיג זיך צו דער קונסט, וועלען מיר זאגען: דער פראגרעס פון „קינסטלערישקייט" ווארפט אראפ די פריהערדיגע קונסט אויף דער מדרגה פון אן אויסגעדרוכטער. דער פראגרעס פון קינסטלערישקייט איז, פארשטעהט זיך, אין לעצטען סך־הכל די אנטוויקלונג און פאנאנדערארבעטונג פון די בילדער, א דאנק וואס זיי ווערען טיפיש אדער, ריכטיגער, קינסטלעריש־טיפיש.

לאמיר זיך טאקי פרואווען קלאר מאכען, אין וואס באשטעהט די קינסטלערישע טיפישקייט פון א בילד.

לאמיר נעמען די איבעראל אנגענומענע מוסטערען פון קינסטלערישער טיפישקייט, צום ביישפיל, אזעלכע מוסטערען, ווי דאן־קיכאט, האמלעט, אטעלא, אניעגין, טשיטשיקאוו, מאנילאוו, באזאראוו, אנדריי וואלקאנסקי, פיער בעזאוכאוו און אז. וו. אנאליזירענדיג זיי, זעהען מיר, אז דאס זיינען געשטאלטען — אינדיווידועלע, גלייך ווי דאס וואלטען געווען פארטרעטען פון לעבעדיגע מענטשען, אבער דערביי זיינען זיי באשאנקען מיט א געוואלדיגער פאראלגעמיינערענדיגער קראפט, און דורך זיי ווערען פאראייניגט און פארטייטשט א סך אנאלאגישע ערשיינונגען אין לעבען. אין דעם באשטעהט

דאס זייער טיפּישקייט, גלייך צו דער וואס מען קען ניט זעלטען באַאָבאַכ־טען אין לעבען גופא.

אַז אנדער כאַראַקטער פאַרמאָגט די טיפּישקייט פון ווי־סענשאַפטליכע געשטאַלטען (למשל, אין דער זאָאָלאָגיע, אַנ־טראָפּאָלאָגיע, געשיכטע). זי ווענדט זיך אָפּ פון דער קינסט־לערישער טיפּישקייט אין איין זייט אָדער אין דער אַנדערער: דאַרטען, אין דער וויסענשאַפט, איז אָדער עס ווערען אויסגע־לאָזען די אינדיווידועלע שטריכען, און דאָס בילד ווערט גע־שאַפען פון איינע אַלגעמיינע שטריכען, אַזוי אַז עס באַקומט זיך ניט אַ פּאַראַלגעמיינערענדיגעס בילד, ווי אין דער קונסט, נאָר אַ פּאַראַלגעמיינער־טעס, אָדער, פאַרקערט, די אינדיווידועלע שטריכען ווערען אַזוי בולט אויסגעדריקט, אַז עס פאַרלירט זיך במילא די פּאַראַל־געמיינערענדיגע קראַפט פון דעם בילד. אין דעם ערשטען פאַל באַקומט זיך ניט אַ טיפּ אין אייגענטליכען זין, נאָר אַן אַבסטראַקטע סכעמע, אָהן לעבען (אַזוי זיינען די זאָאָלאָגישע און אַנטראָפּאָלאָגישע פּאַראַלגעמיינערטע בילדער). אין צווייטען פאַל האָבען מיר געשטאַלטען, וואָס זיינען צו פאַר־טרעטען־מעסיג, צו נאָהענט צו דער ווירקליכקייט, געשטאַלטען־יחידים, און דאָס שטערט זיי צו זיין ברייט פּאַראַלגעמיינערענ־דיג: אַזוי איז דאָס אין געשיכטע (פּיאָטר דער גרויסער אין דער שילדערונג פון סאָלאָוויאָוו, איוואַן דער שרעקליכער אין דער שילדערונג פון קאַראַמזין און קאָסטאָמאַראָוו). כדי די היס־טאָרישע פיגורען זאָלען קאָנען קריגען אַ קינסטלערישען ווערט, מוז מען זיי אויף אַ געוויסען אופן באַאַרבעטען מיט די מיט־לען פון קונסט, — און צו אַלעם ערשטען פאַרשטאַרקען זייער

פסיכאָלאָגישע אָדער בילדערליכע טיפּישקייט, אפילו ווען עס זאָל דערביי אויסקומען עובר צו זיין אויף דער פּינקטליכקייט פון דעם פ אַ ק ט י ש ע ן א מ ת. אַזאַ קינסטלערישע באַאַרבעטונג קריגען די בילדער פון היסטאָרישע פּערזאָנען אין די שאַפונגען ניט פון היסטאָריקער־קינסטלער (ווי קאָסטאָמאָ־ראָוו) נאָר פון אמת'ע קינסטלער, פּאָעטען, ווי וואָלטער־סקאָט, פּושקין, ל. נ. טאָלסטאָי, גראַף אַל. טאָלסטאָי און אנד.

נאָך דעם, וואָס עס איז דאָ אַלץ געזאָגט געוואָרען, קענען מיר דעפינירען די ב י ל ד ע ר ל י כ ע ק ו נ ס ט אויף אַזאַ אופן: דאָס איז אַ שכל'דיגע שעפערישע טעטיגקייט, וואָס באַשאַפט קינסטלעריש־טיפּישע בילדער, ד. ה. א ז ע ל כ ע א י נ ־ ד י ו ו י ד ו ע ל ע ג ע ש ט א ל ט ע ן, ו ו א ס ז י י נ ע ן ב א ש א נ ק ע ן מ י ט א פ א ר א ל ג ע מ י י נ ע ר ע נ ד י ־ ג ע ר ק ר א פ ט. עס איז ניט שווער צו באַמערקען, אַז די דעפיניציע, וועלכע איז, אייגענטליך, גאַנץ ריכטיג און גענוי, האָט אָבער דעם חסרון, וואָס זי איז היבשליך ענג. שוין ניט רעדענדיג פון דעם, וואָס זי קאָן ניט צוגעפּאַסט ווערען צו דער ליריק,—איז אַפילו אין די גרעניצען פון דער בילדערליכער קונסט גופא טויג זי נאָר פאַר אַזעלכע ווערק, אין וועלכע עס ווערען געגעבען קינסטלעריש־טיפּישע בילדער אין אייגענטליכען זין פון וואָרט. די געשיכטע פון קונסט ווייס אָבער צו דערציילען פון אַ סך ווערק, וואָס האָבען אין זייער צייט געהאַט אַ געוואַלדיגע קינסטלערישע באַדייטונג, און האָבען אָבער דאָך ניט פאַרמאָגט קיין קינסטלעריש־טיפּישע געשטאַלטען. אזוי ווערט ניט געדעקט מיט אונזער דעפיניציע ניט דאַנטע'ס „געטליכע קאָמעדיע", ניט „טשיילד־האַראָלד", „דאָן־זשואַן", „קין" פון בייראָן, ניט אַפילו געטע'ס „פויסט" (וואו קינסטלעריש־טיפּיש זיינען נאָר די פּער־

זאָגען פון צווייטען גראַד, — ווי גרעטכען און, טיילווייז, וואַג־נער), ניט „די ציגיינער“ פון פושקין, ניט „דאָס לעבען פון וואַ־סילי פיוועיסקי“ ל. אַנדרעיעוו'ס און אַז. וו. אין פארשיידענע עפּאָכען האָבען אין דער קונסט געשפּילט אַ אַנגעזעהענע ראָלע ס י מ ב אָ ל י ש ע בילדער, וואָס זיינען אין גרעסטען טייל פּונקט דער היפּך פון קינסטלעריש־טיפּישע בילדער.

מיר קאָנען זיך אַזעלכע ווערק אָפּזאָגען אין קינסטלעריש־קייט, אָבער מיר האָבען קיין רעכט ניט אויסצושליסען זיי פון געביט פון קונסט. וואָרום פילע פון זיי האָבען אין זייער צייט מיט אַ גוואַלדיגען ערפאָלג, אויפגעטאָן די זעלבע זאַך (אַנדערע טוען דאָס נאָך איצטער אויך), צו וועלכער די בילדערליכע קונסט איז באַרופען צו דינען. דאָס איז, נעמליך — שטודי־רען מיט דער הילף פון בילדער (זאָל זיין אפילו ניט קיין קינסט־לערישע) דעם מענטשען'ס נשמה, אויפדעקען אירע „סודות“, דורכלעגען אַ וועג צו מענטשען'ס אינטימען פארשטעהן זיך איינס דאָס אַנדערע, דערקלערען דאָס מענטשליכע לעבען, אויפ־הויבען פראַגען פון מאָראַלישען באַוואוסטזיין, פאַנאַנדערזאַר־בעטען דעם מענטשליכען אידעאַל. קונסט — דאָס איז דער געדאַנק פון דער מענטשהייט, געריכטעט צו באַגרייפען און אַנטוויקלען די „מענטשליכקייט“. אין דעם זין האָבען, צום ביי־שפּיל, געטע און בייראָן געדינט דער מענטשהייט מיט די מיט־לען פון ז י י ע ר קונסט ניט ווייניגער ווי שעקספּיר, סער־וואַנטעס, פושקין און אַז. וו., און אַ סך מער פון פילע קינסט־לער, וואָס האָבען באַשאַפען קינסטלעריש־טיפּישע בילדער, ווי, לאָמיר זאָגען, אפילו אַזעלכע אומצווייפעלבאַרע און גרויסע מייסטערס פון טיפּישקייט, ווי פלאָבער, באַלזאַק, באַ אונז — פּיסעמסקי, אָסטראָווסקי און אַנד.

קומט אוים, הייסט דאס, צו פארברייטערען אונזער דע־
פיניציע, אריינטראגענדיג אין איר א באמערקונג וועגען דער
מעגליכקייט צו פארבייטען די קינסטלעריש־טיפּישע געשטאל־
טען מיט אנדערע, סימבאלישע אריינגערעכענט. אזא פאר־
ברייטערטע דעפיניציע וועט זיך לעזען אזוי: קונסט איז
א שעפערישע טעטיגקייט פון געדאנק,
וואס איז געריכטעט צו באגרייפען
אלץ וואס איז מענטשליך, און האט
פאר איר צוועק די אנטוויקלונג פון
מענטשליכקייט, — זי ארבעט מיט די
מיטלען פון בילדער, קינסטלעריש־טי־
פּישע, אזוי אויך ווי מיט אנדערע,
אויב נאר די לעצטע ווייזען זיך
ארוים צו זיין, אזוי צו זאגען, אויף
דער הויך פון זייער בארוף.

מען דארף באמערקען, אז אין דער צייט, וואס קינסטלע־
ריש־טיפּישע בילדער פארבאהאלטען זייער ווערט אויף לאנג,
און אייניגע פון זיי בלייבען אפילו „אייביג" (צו זיי געהערען
אויך אייניגע האמער'ס), — האבען די אנדערע, די ניט קינסט־
לעריש־טיפּישע, א ווערט א צייטווייליגען און א קאנדיציאנע־
לען, און נאר די יעניגע פון זיי, וואס זיינען באשאפען געוואר־
רען פון זשעניען, פארלירען ניט זייער קראפט א פיל לענגערע
צייט. נאך איין באמערקונג. ניט זעלטען שעפען די דאזיגע
געשטאלטען זייער קראפט, אזוי צו זאגען, פון אן אנדער קוואל:
אויב געטע'ס „פויסט" פארמאגט נאך איצטער זיין קינסטלע־
רישע, צי אין אלגעמיין זיין פּאעטישע באדייטונג און וועט זי
נאך לאנג האבען, איז דאס ניט א דאנק דעם כאראקטער פון

זיינע בילדער (פויסט און מעפיסטאָפעל), נאָר א דאַנק דער טיפקייט און ברייטקייט פון די אידעען, וואָס זיינען מיט זיי פארבונדען, און אויך א דאַנק דעם הויכען פּאַטעטישען ליריזם, מיט וועלכען דאָס דאָזיגע גרויסע ווערק איז דורכגעדרונגען.

דאָס זעלבע דאַרף אויך געזאָגט ווערען וועגען די פּאָעמען פון בייראָן. פארקערט זשע, די בילדער פון האָמער, סאָפאָקלעס, שעקספּיר האָבען נאָך אי איצטער זייער קראַפט — א ל ס א ז ע ל כ ע, אַלס קינסטלעריש־טיפּישע בילדער.

די פאָרמולע, וואָס מיר האָבען אויסגעשטעלט איז גענוג ברייט, זי זאָל אריינגעמען אין זיך אַלע מינים פון ב י ל ד ע ר־ ל י כ ע ר ק ו נ ס ט. זי דעקט אבער ניט די ל י ר י ש ע ק ו נ ס ט, וואו קיין בילדער זיינען גאָר ניטאָ, אָדער זיי שפּילען א צווייטע ראָלע. אין דער ליריק ווערען רעפּראָדוצירט ג ע פ י ה ל ע ן א ו ן ש ט י מ ו נ ג ע ן; בילדער, אויב זיי זיינען אפילו פאַראַן אין דעם געגעבענעם לירישען ווערק (אזוי איז דאָס אין דער לירישער מאָלעריי, ד. ה. אין פּייזאַזש, אין נאַטור־בילדער), דינען זיי נאָר אַלס א מ י ט ע ל צ ו ם א ו י ס ד ר י ק ע ן געפיהלען און שטימונגען.

אַלזוי, דאַרפען מיר ווידער אויסברייטערען די פאָרמולע. איידער מיר ווילען דאָס טאָן, מוזען מיר זיך קלאָר מאַכען די וויכטיגסטע שטריכען, וואָס כאַראַקטעריזירען די פּ ס י כ אָ־ ל אָ ג י ע פ ו ן ל י ר י ז ם.

3.

לאָמיר נעמען א ליריש ווערק (א געדיכט פון היינע, געטע, שילער, מיצקעוויטש, פושקין, לערמאָנטאָוו, קאָלצאָוו, טיו־

טשעוו און אז. וו., אין דער מאלעריי — א ים־בילד פון אייוואזאווסקי, לעוויטאנ׳ס א פייזאזש, — אין דער מוזיק און געזאנג — א ראמאנס, אן אריע, א סימפאניע, א באר־ליד און אז. וו.), און לאמיר פרואווען פאנאנדערקלייבן זיך אין אונזערע איינדרוקען, אין די זעלען־צושטאנדען, וואס די געגעבענע ווערק האבען בא אונז ארויסגערופען.

קודם־כל וועלען מיר באמערקען אין דעם צוזאמענשטעל פון די דאזיגע נשמה־פראצעסען, געוויסע ג ע פ י ה ל ע ן אדער ש ט י מ ו נ ג ע ן פון א באשטימטער קאטעגאריע, דהינו: אומעטיגע, מעלאנכאלישע, טרויערדיגע; פרייליכע, לעבעדיגע, מונטערע; טרוימערישע; „ליבע געפיהלען" (עראטישע): "אידעאישע" (למשל, די פאטריאטישע און רעוואלוציאנערע שטימונגען, וואס ווערען שטענדיג אויפגערודערט בא א פראנצויז דורך די קלאנגען פון דער מארסעליעזע): רעליגיעזע און מיסטישע און אז. וו. — לאמיר איצטער פארגלייכען די דאזיגע געפיהלען און שטימונגען, אנגעהויבט פון דער לירישער קונסט, מיט די — אנאלאגישע — געפיהלען און שטימונגען, וואס מיר לעבען איבער אין דער ווירקליכקייט, ניט אונטער דער ווירקונג פון קונסט, נאר טאקע בפועל ממש, אונטער דער ווירקונג פון די געשעהענישען פון אונזער פערזענליכען לעבען, אדער פונ׳ם לעבען פון אונזערע נאהענטע, פון דער ארומיגער סביבה א. אז. וו. ענדליך — אונטער דער ווירקונג פון אונזערע זכרונות. דאס הייסט, מיר פארגלייכען דעם, אזוי צו זאגען, „קינסטליכען", ספעציפישען אומעט, אנגעהויבט, צום ביישפיל, דורך פושקינ׳ס ליד „וואנדער איך איבער גאסען רוישיגע", אדער אן אנדער סארט אומעטיגע שטימונג, ארויסגערופען דורך לערמאנטאוו׳ס ליד „ס׳איז טרויערדיג און אומע-

טיג, און **ניטא** וועמען א האנט צו דערלאנגען", מיט דער נאַ־
טירליכער טרויערדיגקייט, וואס מיר לעבען איבער בא דעם גע־
דאנק פון טויט, מיט דער „נאטירליכער" אומעטיגקייט, ווען
ס'איז אונז טאקע בפועל ממש „אי טרויערדיג אי אומעטיג, און
ניטא וועמען א האנט צו דערלאנגען." בא אזא פארגלייך ווייזט
זיך ארויס, אז דער ערשטער „אומעט" און די ערשטע „אומע־
טיגע שטימונג" (לאמיר זיי באצייכענען בקיצור מיט די בוכ־
שטאבען SP*) אונטערשיידען זיך פון די צווייטע, אנאַ־
לאגישע, לויט דעם אינהאלט און לויט דער „באפארבונג" פון
די געפיהלען און שטימונגען (לאמיר זיי באצייכענען SN**)
קודם כל, וואס זיי פארשאפען ניט יענעם וועה פון דער נשמה,
ווי דאס ווערט פארשאפען דורך די לעצטע, א דאנק דעם, וואס
אין זיי (SP) איז ניטא קיין פערזענליכעס (עגאצענטרי־
שעס): א מענטשען איז אומעטיג אדער טרויערדיג, אבער דאס
צופט אים ניט ביי'ם הארצען, דאס איז ניט זיין אייגענער, פער־
זענליכער, אומעט אדער טרויער, נאר עפעס אן אלגעמיינער:
אחוץ דעם איז דאס נאך פארמילדערט, באלויכטען, איבערגע־
ארבעט דורך דער ווירקונג פון עפעס אן אנדער געפיהל, וואס
גיט אים צו א מין פריידיגקייט, וואס פארוואנדעלט אים פון
א ליידען אין א פארגעניגען. באצייכענענדיג אט דאס אנדערע
געפיהל מיט די בוכשטאבען SL***) באקומען מיר א פאר־
מולע SL+SN=SP, ד. ה. דאס פאעטישע, (קינסטליך־
ארויסגערופען דורך דער ליריק) געפיהל (שטימונג) איז קאמפּ־
ליצירטער פון דעם באטרעפענדיגען נאטירליכען, ווייל עס

*) SP = Sentimentum poeticum (פאעטיש געפיהל).

**) SN = Sentimentum naturale (נאטירליך געפיהל).

***) LS = Sentimentum Lyricum (ליריש געפיהל).

אנטהאלט, אחוץ דעם לעצטען, נאך א באזונדער „לירישׁ געפיהל“, וואס ארבעט אים איבער פסיכאלאגיש אין דער אויבען אנגעוויזענער ריכטונג. אזא איבערארבעטונג קאן פארקומען אויך אהן דעם אימפולס פון א געריכט, א ליד, א בילד אדער מוזיק, ד. ה. זי קאן באשאפען ווערען פ ו ן ז י ך א ל י י ן. אין אזא פאל האבען מיר א פראצעס פון א פאעטישער (נעמליך, לירישער) באוועגונג אדער שטימונג, וואס איז גאר ניט קיין מאנאפאליע פון פראפעסיאנעלע פאעטען אליין. דער פאקט אליין, וואס מיר לעבען איבער א פאעטישע שטימונג (SP) אונטער דער ווירקונג פון דער לירישער קונסט, איז א באוויז, אז מיר זיינען אליין — „פאעטען אין דער נשמה“, אז מיר זיינען פעהיג צו א לירישער באוועגונג און מיר האבען אז אייגענעם לאגער פון (SL) (לירישׁ געפיהל), וואס קאן אמאל ווירקען אויך זעלבסשטענדיג, אהן דעם איינפלוס און דעם אימפולס מצד דער קונסט.

אט דער עלעמענט (דאס ל י ר י ש ע ג ע פ י ה ל, SL) געהערט ניט אויסשליסליך צו דער ליריק. ער נעמט אויך אן אנטייל אינ׳ם בילדערליכען שאפען, וואו ער שפילט א צווייענדיגע ראלע: 1) א פ ט ב א ג ל י י ט ע ר ד י ב י ל ד ע ר, און דאן זיינען זיי אפגעשיידט פון אנדערע בילדער מיט דעם, וואס זיי רופען בא אונז ארויס א לירישׁ געהויבענעם נשמה צושטאנד (וואס מיר וועלען, אין פארגלייך צו SP, באצייכענען מיט די בוכשטאבען Imago poetica—IP);

שארפע ביישפילען זיינען די געשטאלטען פון פ א ו ס ט, טיילווייז מ ע פ י ס ט א פ ע ל, ט ש י י ל ד ־ ה א ר א ל ד, — פון ד ע ם ק א ר ג ע ן ר י ט ע ר, מ א צ א ר ט, ד א ן ־ ז ש ו א ן — בא פושקינ׳ען, פון ליזא קאליטין בא טורגעניעוו׳ן

(„א פריצישער נעסט“) און פילע אנדערע, — לחיפך צו די בילדער בא פיסעמסקי׳ן, למשל, וואס פארמאגנען ניט קיין סימן פון ליריזם.

2) דאס לירישע געפיהל (SL) נעמט שטענדיג אַן אנטייל, מער אדער וועניגער, ביים באשאפען פון קינסטלערישע בילדער און ביים באטראכטען פון דער ווירקליכקייט, זייענדיג אמאל דער שפרינג־פעדער, די פרוזשינע, אמאל דער באגלייטער פון׳ם שאַפען: אין דער ראלע איז עס באקאנט אונטער׳ן נאמען „באגייסטערונג.“

אין באציהונג צום אינהאלט (פון די געפיהלען און בילדער אין דעם געגעבענעם קינסטלערישען ווערק) איז דאס לירישע געפיהל אדער „די באגייסטערונג“ — א פארמאלער עלעמענט. קיין אייגענעם באשטימטען אינהאלט פארמאגט עס ניט, נאר עס האט זיין אייגענע „באפארבונג“ (אנדערש וואלט עס ניט געווען קיין געפיהל). אט די באפארבונג, וואס איז גוט באקאנט צו פאעטען, איבערהויפט צו ליריקער, שילדערט פישקין אינ׳ם ליד „הערבסט“:

...ס׳פארגעהט דער קורצער טאָג, און אין דעם קליינעם אויוועל
אַ פייער ווידער ברענט; אַט גליהט ער ליכטיג העל,
און באַלד שוין צאַנקט ער קוים, דאָך לעז איך בא זיין צאַנקען —
און איך פאַרטראַכט זיך טיף אויף איניגע געדאַנקען

כ׳פאַרגעם די גאַנצע וועלט... אין שטילקייט פון דער נאַכט
גלייך ווער איך ווי פאַרשלעפערט אין מיין טרוים דעם שטילען,
און דיכטערישער גייסט שוין באַלד אין מיר ערוואַכט,

און ס'ווערט מיין זעל מיר פול מיט לירישע געפיהלען : —
זי פלאַטערט און וויברירט, זי זינגט און טרוימט און דאַכט,
עס זוכט אַן אויסוועג זיך איר שוואונג פון פרייען ווילען...
און ס'טראָגען זיך צו מיר געשווינד און אַלץ געשווינדער
אין אומזיכטבאַרע רייהען מיינע טרוימען־קינדער.

און אין קאָפּ געדאַנקען רעגען זיך און איילען
צו די גראַמען, וועלכע טראָגען זיך פאַרביי,
און אין האַנט די פעדער בעט זיך צו די צייל ען —
אַ רגע — און די פערזען גיסען זיך שוין פריי.*)

דאַ איז גאַנץ דייטליך אַנגעצייכענט, פון איין זייט, ד ע ר א י נ ה א ל ט פונ'ם פראָצעס (בילדער, געדאַנקען, געפיהלען), און פון דער אַנדער זייט — ד י ל י ר י ש ע ש ט י מ ו נ ג א ד ע ר א ו י פ ר ע ג ו נ ג, וואָס באַגלייט אים. אַט די „לירישע אויפרעגונג", וואָס אַנטוויקעלט זיך געוויינטליך צוזאַמען מיט דעם א י נ ה א ל ט פון געדאַנק און געפיהל, קאָן ניט זעלטען קומען אויך אַלס אַ פאַרלויפער. ווי עס ווייזט אויס, איז דאָס אַזוי אויך אין דעם געגעבענעם פאַל (בײַ פּושקינ'ען): דער אינהאַלט איז נאָך ניט באַשטימט, נאָך ניט קלאָר, און שוין „...ס'ווערט מיין זעל מיר פול... זי פלאַטערט און וויברירט..." — און ערשט נאָכדעם ווערען באַשאַפען אַדער לעבען אויף אין זכרון באַשטימטע בילדער („און ס'טראָגען זיך צו מיר געשווינד און אַלץ געשווינדער אין אומזיכטבאַרע רייהען מיינע טרוימען־קינדער"). דער „ליריזם", ווי אַ פאָראויס געגעבענע פ א ר מ ע, ווערט אָנגעפילט מיט אינהאַלט, און מיט דער אַנטוויקלונג פונ'ם לעצטען, שטייגט ער אַליין crescendo.

*) אידיש פון י. פיראָזשניקאָוו.

דער פאקט, וואס די לירישע באוועגונג, אלס א פארמע, איז א מוקדם צום אינהאלט, ווערט נאך דייטליכער אנגעוויזען אין א ליד פון פעט'ן:

איך ווייס ניט זעלבסט, וואס איך וועל זינגען,
אין ברוסט אבער שוין צייטיג ווערט דאס ליד...

און אויך בא טורגעניעוו'ן אין'ם ראמאן „נאוו", דארט, וואו ער דערציילט, ווי ניעזשדאנאוו האט געשריבען לידער: „ניעזשדאנאוו האט זיך אזוי פארטיפט אין זיינע געדאנקען, אז ביסלעכוויין, כמעט אומבאוואוסטערהייט, האט ער זיי אנגע־הויבען איבערצוגעבען מיט ווערטער: די עמפינדונגען, וואס האבען אין אים געבלאנדזעט האבען זיך שוין אויסגעשטעלט אין ריטמישע אקארדען"... (1טער טייל, קאפ. 4).

ווי עס איז צו זעהן פון דעם, וואס עס שטעהט פריהער, זיינען דאס געוועזן ניט קיין „געדאנקען", נאר געפיהלען (דער אומעט, וואס עס לעבען איבער „אלע מעלאנכאליקער, אלע פארטראכטע מענטשען", ווען זיי „דארפען בייטען זייער וואוינ־פלאץ": ניעזשדאנאוו האט געדארפט פארען פון פעטערבורג אין דארף אויף א „קאנדיציע" צו סיפיאגינען). דאס געפיהל פון אומעט איז געוועזן באגלייט, פארשטעהט זיך, מיט א פאר־טראכטקייט, און אלץ אינאיינעם איז נאך ניט געוועזן קיין פאר־טיגער אינהאלט, דאס זיינען געוועזן „עמפינדונגען, וואס האַ־בען געבלאנזעט" אין דער נשמה, אבער די לירישע באוועגונג — איז שוין אין פולען גאנג, און „ריטמישע אקארדען שטעלען זיך שוין אויס" און זיינען גרייט אויסצוגיסען די אומדייטליכע „עמפינדונגען" אין קלארע געפיהלען און געדאנקען.

אין אן אנדער ארט (1טער טייל, קאפ. 12) פארטראכט זיך ניעזשדאנאוו וועגען טויט. דאס זיינען געוועזן „פינסטערע

מחשבות", ג'אגלייט, פארשטעהט זיך, מיט א געוויסער שטי־מונג. ער „דרעהט זיי אהין און אהער, אט ווערט ער פארצי־טערט פאר דער מעגליכקייט פון א גארנישט, אט פרייט ער זיך מיט איר..." דאס איז אלץ טאקע נאך ניט קיין אינהאלט, נאר רויהער מאטעריאל, א הקדמה צו אינהאלט. דא איז אלץ — אי די געדאנקען אי די געפיהלען — אין יוירען, און דער ויתרוצצו פון סתירות איז נאך ניט געקומען צו קיין אנטגילטיגען אויס־פיר אדער באשלוס. אין דעם פראצעס פון יוירען האט זיך נאך ניט „אפגעזעצט" ניט קיין באשטימטער געדאנק, ניט קיין באַ־שטימט געפיהל, אלס א סך־הכל פון קלערען. פאר דעם סך־הכל מוז נאך פריהער קומען די ערשיינונג פון א לירישער שטי־מונג: „ער האט ענדליך דערפיהלט א באזונדערע, אים באַ־קאנטע אויפרעגונג...", — נאכדעם איז שוין דער פראצעס שנעל אוועק צו דער פאעטישער אויפלייזונג. ניעזשדאנאוו האט אויפ'ן שטעל אנגעשריבען א ליד:

> ליבער פריינד, ווען איך וועל שטארבען —
> האסטו מיין צוואה דא:
> מיינע כתבים גאנצע פעק
> ווארף אין פייער גלייך אט דא... און אז. וו.

ווי עס איז צו זעהן פון די „גבית־עדות" פון פוש־קינען און טורגעניעווען, איז די „לירישע שטימונג" (SL) א ג ע פ י ה ל א ב א ר ו ה י ג ע נ ד י ג ס, וואס ב ר ע נ ג ט ב א פ ר י ד י ג ו נ ג, א ו ן ט ר א ג ט א ר י י ן א ר ד ע נ ו נ ג א ו ן ה א ר מ א נ י ע א י נ'ם מ י ש ־ מ א ש פ ו ן ג ע ד א נ ק ע ן א ו ן ג ע פ י ה ־ ל ע ן. עס ציהט אפ די אויפמערקזאמקייט פון די אויסערליכע

ערשיינונגען, און ווענדט זי אינוועניג („כ׳פארגעס די גאנצע וועלט...")

פושקין רופט דאס אן „דאס פארשלעפערען" פון דער נשמה. דאס איז ריכטיג נאר אין דעם פאל, אויב א געגענזעצליכע צושטאנד, הינו, די צעשטרייטקייט פון געדאנק, ווען ער איז אפגעווענדעט יורד אויסערליכע איינדרוקען פון אינערליכער אר־בעט, וועלען מיר אנרופען „וואכזאמקייט". אבער דאס דאזיגע „פארשלעפערען". דאס אויסטאן זיך פון אויסערליכע איינדרו־קען און פון אלע דאגות און געשעפטען, ווערט שנעל פאר־וואנדעלט אין אן „אויפגעוואכטקייט", אין אן אנגעשטרענגטער, אינוועני..סטער ארבעט („און דיכטערישער גייסט שווין באלד אין מיר ערוואכט"), אין פאעטישען שאפען. דער פראצעס איז ווייט ניט קיין פאסיווער, נאר אין העכסטען גראד אקטיוו, ענערגיש. און אויף אט דעם שטריך האט אנגעווי־זען גאגאל, ווען ער האט עס אנגערופען, ווי זיין שטייגער איז, בדרך גוזמא, „דער בייזער שטורעם פון באגייסטערונג."

פון די אלע אנווייזונגען קאן מען, דרך אגב, איינזעהן, אז די „לירישע שטימונג" (SL) אדער, ווי מען רופט זי, די „באגייסטערונג" איז אזא זעלען־פראצעס, וואס איז אפגע־שיידט מיט א בולט אויסגעדריקטער „ריטמישקייט", מיט אזוינס, וואס מען וואלט געקאנט אנרופען „פסיכישע הארמא־ניע", „מוזיקאלישקייט", אזוי צו זאגען. די אינוועניגסטע ריט־מישקייט פון דעם שאפונגס־פראצעס ווייזט זיך ארויס אויך אין דער אויסערליכער פארמע פון אלע קונסטען, וואס איז אויך אזא אדער אן אנדער אופן ה א ר מ א נ י ש: אין דער ארכיטעקטור דריקט זיך דאס אויס אין דער פארם פון ס י־מ ע ט ר י ע, אין דער מוזיק — אין דער ה א ר מ א נ י ע

פ ו ן ק ל א נ ג ע ן, אין דער מאַלעריי — אין דער ה א ר מ א נ י ע פ ו ן פ א ר ב ע ן, אין דער ליטעראַטור־קונסט— אין דער ר י ט מ י ש ק י י ט פ ו ן ש פ ר א ך,—אין דער שפּראַך פון פּערזען (וואו די דאָזיגע ריטמישקייט איז נאָר איינגעשטעלט אין א געוויסער אָרדענונג), אזוי גוט ווי אין דער „פּראָזאאישער“ (וואו זי איז ניט איינגעאָרדענט). די שפּראַך זעלבסט איז ריטמיש: מיר רעדען דאָך, אייגענטליך, „אין פּערזען,“ ד. ה. מיט די זעלבע יאמבען, כאָרעען און אז. וו. אויף אזא אופן, איז שוין אין דער שפּראַך גופא פארבאהאלטען, אזוי צו זאָגען, דער אימפּולס, וואָס רעגט אויף דאָס „לירישע געפיהל“. אין דער שפּראַך לעבט איר אייגענע „פּאָעזיע“ — אין מעגליכקייט, אין פּאָטענציעלען צושטאַנד.

דאָס „לירישע געפיהל“ האָט פיל געמיינזאַמעס און איז אהן ספק אין א פּסיכאָלאָגישער קרובה'שאַפט מיט'ן „ר ע ל י ג י ע ז ע ן ג ע פ י ה ל“. איך מיין דאָ יענעם געהויבענעם, מער אָדער ווייניגער באגייסטערטען צושטאַנד פון דער נשמה, וועלכען עס לעבט איבער א מ ע נ ט ש ו ו א ָ ס ט ו ט ת פ ל ה, פארשטעהט זיך, אויב ער איז מתפּלל מיט'ן גאַנצען הארצען, און אויב ער האָט ניט אין זינען קיין ענג־עגאָאיסטישע צוועקען מיט זיין תפלה. דאָ האַנדעלט זיך, הייסט עס, וועגען אַן אומאייגענוציגען תפלה־צושטאַנד, ווען דער מענטש טוט זיך אוים פון אַלע זאָרגען און דאגות היום, פון אַלע קליינינגקייטען און נישטיגקייטען פון לעבען, וואָס צעררייסען זיין נשמה: באַ אזא תפלה צושטאַנד איז זיך זיין נשמה מתיחד. — עס הערשט אין איר פרידען און הארמאָניע, און אין דעם דאָזיגען מאָמענט ווערט אפילו דער סאַמע פּראָזאאישער מענטש פארוואנדעלט אין א מין פּאָעט, די געמיינסטע

פערזאָן ווערט איידעלער, די טונקעלסטע נשמה ווערט באַלויכ־טעט מיט אַן אינווענייגסטען ליכט.

אַט דאָס דאָזיגע רעליגיעזע געפיהל איז פון קדמונים שוין איינער פון די וויכטיגסטע מינים פון ליריק. אין תוך גענומען, איז עס גלייך צו יענעם לירישען געפיהל, וואָס איך האָב פרו־בירט כאַראַקטעריזירען פריהער. אין איינצעלהייטען אָבער גע־העז זיך די צוויי געפיהלען פאַנאַנדער. דער וואָס טוט תפלה לעבט איבער ניט נאָר דעם אויבען אָנגעוויזענעם נשמה־צו־שטאַנד פון געהויבענקייט, האַרמאָניע און דערלויכטענקייט, נאָר דערביי איז ער אויך „מתפלל", ד. ה. ער ווענדט זיך צו דער גאָטהייט מיט אַ בקשה, מיט דאַנקבאַרקייט, תשובה און אַז. וו.. און אַזאַ ווענדונג ווערט באַגלייט, פאַרשטעהט זיך, מיט באַזונדערע געפיהלען, וואָס מוזען אַזוי אָדער אַנדערש ווירקען אויף דעם גרונט רעליגיעזען געפיהל, אויף דער תפלה שטימונג. ענדליך, אויך דער פאַקט, וואָס דער וואָס טוט תפלה שטעהט פנים אל פנים מיט דער גאָטהייט, אין וועלכער ער גלויבט, פילט אַן זיין נשמה מיט באַזונדערע געפיהלען פון אָפּ־שיי, הכנעה, ציטערניש און ד. ג.. און זיי ווידער באַאיינפלו־סען די שטעלונג און דעם כאַראַקטער פונ'ם רעליגיעזען תפלה־געפיהל.

לאָמיר איצט פאַרגלייכען די ראָלע פון ב י ל ד ע ר אין דער בילדערליכער קונסט מיט דער ראָלע, וואָס דאָס לירישע געפיהל (SL) שפּילט אין דער ליריק. מיר וועלען זעהן, אַז זיי טוען אויף די זעלבע זאַך. כדי צו פאַרשטעהן אַ געוויסע ווערק פון דער בילדערליכער קונסט (למשל, טורגענעוו'ס „פאַ־טערס און זין"), מוז מען קודם־כל פאַרשטעהן די ב י ל ד ע ר גופא, וואָס זיינען דאָרט געגעבען געוואָרען (די בילדער פון באַ־

זאראוו׳ן, די קירסאנאווס, אדינצאוועס און אז. וו.), און זייערע געמיינזאמע באציהונגען.

אויב די בילדער זיינען ריכטיג פארשטאנען, כאפט דער לעזער אויף דעם געדאנק פונ׳ם קינסטלער און ער לעבט איבער, מען וואלט געקאנט זאגען, ער חזר׳ט איבער דעם גאנצען פראצעס פון זיין שאפען. פארשטעהן א קינסטלער מיינט איבער׳חזר׳ן דעם פראצעס פון זיין שאפען. — דאס איז, בא היינטיגען טאג, א פעסטגעשטעלטע הנחה. — לאמיר איצטער נעמען א ווערק א לירישע. עס פארשטעהט זיך פון זיך אליין, אז מיר וועלען עס ניט פארשטעהן, אויב מיר וועלען אליין ניט איבערלעבען, ניט איבער׳חזר׳ן יענע לירישע באוועגונג (SL) אונטער וועמעס מאכט דער דיכטער האט געשאפען. בילדערליכע ווערק זיינען געווענדט צו אונז מיט זייערע בילדער, לירישע ווערק— מיט׳ן לירישען געפיהל.

אלס א סטימול, אן אויפרעגער פון אונזער שאפונג, וואס חזר׳ט איבער די שאפונג פונ׳ם פאעט דינט — אין איין פאל — דאס בילד, אין צווייטען — דאס לירישע געפיהל. זייערע ראלען טרעפען זיך צוזאמען. און פון דער דאזיגער זייט קאנען זיי פאראייניגט ווערען אונטער איין אלגעמיינעם באגריף אלס א סטימול אדער אן אויפרעגער פון דעם שאפונגס פראצעס.

באנוצענדיג זיך מיט דעם באגריף, וועלען מיר געבען די פאלגענדיגע פארמולע, וואס וועט זיין גלייך צוגעפאסט, ווי פאר דער בילדערליכער קונסט, אזוי אויך פאר דער ליריק: די קונסט איז א שכל׳דיגע שעפערישע

טעטיגקייט, וואס איז געריכטעט צו באגרייפען און אנטוויקלען די מענטש־ליכקייט און וואס ארבעט מיט די מיטלען פון באזונדערע סטימולען (אויפרעגער) פון שאפונג, פאר וועלכע עס דינען בילדער (טיפישע, סימבא־לישע און אנדערע) און דאס לירישע געפיהל.

ווי עס איז באוואוסט, קומען די בילדער און דאס לירישע געפיהל אלס סטימולען פון שאפונג ניט נאר פאר „אונז“, די וואס נעמען אויף א פארטיג ווערק פון׳ם פאעט, נאר אויך פאר דעם פאעט זעלבסט. וועגען דעם, וואס דאס לירישע געפיהל אדער די „באגייסטערונג“ איז א מוקדם בנוגע צום אינהאלט פון דעם לירישען ווערק, האבען מיר שוין גערעדט פריהער.

וואס איז שייך דעם בילדערליכען שאפען, איז שוין לאנג באוואוסט, אז די „אמת׳ע“ קינסטלער, געהען ארוים אין זייער פאעטישער ארבעט טאקע פון אט די בילדער. עס זיינען פאראן וועגען דעם פאזיטיווע גבית־עדות פון קינסטלער זעלבסט. זיי וואלטען געקאנט, אין pendant צו די ווערטער פון פעט׳ן („איך וויים ניט זעלבסט, וואס איך וועל זינגען, אין ברוסט אבער שוין צייטיג ווערט דאס ליד“) זאגען מיט׳ן זעלבען רעכט: איך וויים ניט זעלבסט, וואס איך וועל זאגען, וואס איך וועל אויסדריקען, די בילדער אבער זיי ווערען שוין צייטיג.

4.

איצטער דארפען מיר אביסעל גענויער אנטוויקלען די הנחה, וואס מיר האבען פריהער באריהרט, הינו, אז אויפ־

נעמען (און פאַרשטעהט זיך, דאָס פאַרשטעהן) פון אַ קינסטלערישען ווערק מיינט איבער׳חזר׳ן דעם שאַפונגס־פּראָצעס, וואָס האָט דאָס ווערק אַרויסגעבראַכט.

קודם כל לאָמיר באַטראַכטען יענע באַדינגונגען, וואָס זיינען נויטווענדיג און אומפאַרמיידליך כדי צו באַנעמען און פאַרשטעהן אַ ווערק. דאָס איז — לעבענס ערפאַרונג און אַ געוויסע הויך פון אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג. אַ מענטש, וואָס האָט, לאָמיר זאָגען, קיינמאָל ניט איבערגעלעבט דאָס געפיהל פון אייפערזוכט, האָט קיינמאָל ניט באַאָבאַכטעט דאָס דאָזיגע געפיהל בא אַן אַנדערען און וואָס וויים איבערהויפּט גאָרנישט וועגען דעם, וועט ניט פאַרשטעהן שעקספּיר׳ס אָטעללאָ. אָט דאָס בילד מיט דער גאַנצער פּסיכאָלאָגיע פון אייפערזוכט, וואָס איז אַזוי טיף פאַנאַנדערגעאַרבעט אין אים, וועט בלייבען פרעמד און ניט צוגענגליך פאַר אַזאַ מענטשען; ער וועט דאָס באַנעמען נאָר אויבערפלעכליך, — דאָס בילד וועט אים ניט זאָגען קיין הונדערט־חלק אפילו פון דעם וואָס עס וועט זאָגען אַ מענטשען, וואָס איז יאָ באַקאַנט מיט׳ן געפיהל פון אייפערזוכט און וואָס האָט שוין ניט איינמאָל געפּרואווט זיך פאַנאַנדערצוקלייבען אין זיין פּסיכאָלאָגיע. — כדי צו פאַרשטעהן רודינ׳ען, פאָדערט זיך אַ געוויסע אַנטוויקלונג, אַ געוויסע באַלעזענקייט: מען מוז וויסען, וואָס אַזוינס האָבען מיט זיך פאָרגעשטעלט די מענטשען פון די 40־ער יאָרען, און וואָס פאַר אַ באַדייטונג די עפּאָכע האָט געהאַט פאַר דער אינטעלעקטועלער, מאָראַלער און געזעלשאַפטליכער אַנטוויקלונג פון

דער רוסישער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפט.

א מענטש, וואָס האָט ניט געלייענט בעלינסקי'ן, וואָס האָט ניט קיין פאָרשטעלונג וועגען גערצען'ען, האָט ניט געהערט וועגען באַקונין'ען, גראַנאָווסקי'ן און אז. וו. וועט ניט פאַרשטעהן דעם טיפ פון רודין, און וועט זיך ניט קענען פאַנאַנדערקלייבען אין די איינדרוקען, וואָס ער וועט אַרויסטראָגען ביים לעזען.

קינדער און בחורים'לעך, וועמען מען פּאַרטייטשט „אַן אומגליק דורכ'ן שכל", „אָניעגין" און אז. וו., קריגען נאָר א זעהר אויבערפלעכליכע און מטושטש'ע פאָרשטעלונג פון טשאַצקי'ס „מיליאָן אַנגסטען", פון אָניעגינ'ס „כאַנדרע", פון דעם זין און באַדייטונג פון די ווערק.

גריבאָיעדאָוו, פּושקין, לערמאָנטאָוו, גאָגאָל, וואָס מען לערנט אין דער מיטעל־שול, זיינען ניט די אמת'ע גריבאָיעדאָוו, פּושקין און אז. וו., נאָר פאַרפלאַכטע, צוגעפּאַסט צום קינדערשען און יונג־בחור'שען פאַרשטאַנד.

אין בעסטען פאַל איז דאָס — „פּריישיץ, אויסגעשפּילט דורך די פינגער פון שעמעוודיגע שילערינס." —

א דערוואַקסענער מענטש, וואָס האָט פיל איבערגעלעבט, וואָס האָט א סך געזעהן און געלעזען, אַן אַנטוויקעלטער און אז. וו., מעג זיך פונדעסטוועגען ניט פאַרשטעהן, צום ביישפּיל, האַמלעט'ן, אויב די נאַטור פון דעם דאָזיגען מענטשען איז אַזאַ, אַז בײַ זיין גאַנצער לעבענס־ערפאַרונג און אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג, זיינען אים אָרגאַניש (בעסער געזאָגט, פּסיכאָלאָגיש) פרעמד האַמלעטישע שטריכען און שטימונגען. דער פּסיכאָלאָגישער טיפּ, וואָס שעקספּיר האָט פאַרקערפּערט אין דער קינסטלערישער געשטאַלט פון האַמלעט'ן,

איז זעהר א קאמפליצירטער, און עס איז אין אים צו געפינען שטריכען, וואס זיינען פארשטענדליך פאר פילע, צוגלייך מיט אנדערע שטריכען, וואס בלייבען אומפארשטענדליך. פון דא־נען נעמען זיך דאס די אלע חלוקי־דעות אינ׳ם פארשטעהן און אינ׳ם אפשאצען פון האמלעט. פאר אייניגע — איז דאס א שטארקער כאראקטער, פאר אנדערע — א שוואכער. ניט אלע פארשטעהען דעם מ א ר א ל ע ן יסוד פון האמלעט׳ס אומאנטשלאסענקייט און זיינע ספקות. כדי מען זאל קאנען גוט פארשטעהן זיין ר ע פ ל ע ק ס י ע, דארף מען אליין זיין כאטש א שטיקעל האמלעט. דער ביישפיל באווייזט, אז צו די אויבענדערמאנטע באדינגונגען (לעבענס־ערפארונג און גייסטיגע אנטוויקלונג) דארף מען נאך צוגעבען נאך א זאך: די צוגענגליכקייט פונ׳ם קינסטלערישען בילד פאר דער נ א־ ט ו ר פון דעם מענטשען, וואס נעמט אויף דאס בילד. עס מוז דא אויסגערעדט ווערען, אז, דאס רוב, זיינען די גרעניצען פון דער דאזיגער צוגענגליכקייט גענוג ברייט. צום ביישפיל, אויב עס זיינען פראן מענטשען, וואס זיינען בטבע ניט פעהיג צו פארשטעהן האמלעט׳ן, וועט זיך אבער, ווארשיינליך, ניט געפינען קיין מענטש וואס וועט, ניט זייענדיג אליין קיין קאר־גער, ניט קאנען פארשטעהן, בא א געוויסער אנשטרענגונג פון זיין פאנטאזיע, די פסיכאלאגיע פון קארגשאפט לויט די קינסט־לערישע טיפען פון, למשל, „פלושקינען" און דעם „קארגען ריי־טער." אזא מענטש, ניט האבענדיג קיין אייגענע אינערליבע ערפארונג איבער דער פסיכאלאגיע פון קארגשאפט, האט גע־קאנט באאבאכטען קארגשאפט ווי זי צייגט זיך ארוים בא אנ־דערען, האט זיך געקאנט פארטראכטען וועגען דער דאזיגער ערשיינונג. אויב עס איז ביי אים אין א גענוגענדיגער מאס

אנטוויקעלט די, ווי מען רופט זי, „סימפּאַטעטישע פאַנטאַזיע“, וועט ער אהן איבעריגע שוועריגקייטען פאַרשטעהן די פּסיכאָ־לאָגיע פון אַ קאַרגען, אַ קמצן. אויב ער האָט אליין ניט דערגרייכט דאָס צו פאַרשטעהן, וועלען אים גאָגאָל און פּושקין ארויסהעל־פען: ער וועט באַגרייפען די פּסיכאָלאָגיע פון קאַרגשאַפט דורך דער מיטווירקונג פון די בילדער פון „פּליושקינ׳ען“ און דעם „קאַרגען ריטער.“ די קונסט פאָדערט טאַקע אַ געוויסע לעבענס־ערפאַרונג, אַ געוויסען סכום פון באָאָבאַכטונגען, אינטעלעקטו־עלע אנטוויקלונג, סימפּאַטעטישע פאַנטאַזיע, אָבער אין דער זעלבער צייט פאַרמערט זי, מען קאָן זאָגען, זי כפל׳ט אין קוואַדראַט און אין קוב דעם דאָזיגען פּסיכישען פאַרמעגען פון דעם מענטשען. זי עפענט ברייט פאַנאַנדער די מענטשליכע נשמות פאַר יעדען פאַרשטעהן, פאַר יעדען מיטפיהלען. אויב מיר מוזען, ביז צו אַ געוויסען גראַד, קענען פאַרשטעהן איינער דעם אַנדערען, כדי מיר זאָלען האָבען די מעגליכקייט צו פאַר־שטעהן קונסט, גיט אָבער דאָס פאַרשטעהן פון דער לעצטער אַ באַזים פאַר אַ פיל טיפערען, איידעלערען און אינטימערען אריינדרינגען אין יענעמס נשמה, — און ניט נאָר אין יענעמס נאָר אפילו אין דער אייגענער. די מענטשהייט דערגרייכט צו זעלבסט־דערקענטעניס דורך דער קונסט.

אלזוי, לאָמיר זיך פאַרשטעלען, אַז איינער, ראובן, פאַר־מאָגט גענוג לעבענס־ערפאַרונג און אינטעלעקטועלע אַנטוויק־לונג כדי צו פאַרשטעהן, למשל, טורגעניעוו׳ס „פּריצישען נעסט“. אחוץ דעם, איז ער, על פי טבע, פעהיג דורכצופיהלען ליזא׳ס מיסטישע רעליגיעזיטעט, דעם צויבער פון לעממ׳ס מוזיק און אַז. וו. מיר האָבען דאָ, הייסט עס, אַלע באַדינגונגען **פאַר דער מעגליכקייט צו פאַרשטעהן**. פרעגט

זיך: ווי אזוי ווערט דאָס פארווירקליכט?

דאָס ווערט פארווירקליכט ניט אויפ׳ן שטעל און ניט לייכט. נאָך דעם ערשטען מאָל לעזען וועט אונזער ראובן אויפנעמען נאָר דעם ספּור־המעשה און וועט איבערלעבען די שטאַרקע ווירקונג פון די לירישע פּלעצער, וועט, מעגליך, אויפכאַפּען אויך דעם אַלגעמיינעם טאָן פון׳ם ווערק. דאָס מיינט נאָך אָבער ניט, אז ער האָט פארשטאַנען לאַווריעצקי׳ן, אַלס אַ געזעלשאַפטליך־פּסיכאָלאָגישען טיפּ פון אַ מענטשען פון די 40־גער יאָרען, אָדער ליזאַ׳ן, אַלס אַ אידעאַלען פּסיכאָלאָגישען טיפּ פון אַ רעליגיעזער, מיסטישער נאַטור. עס פאָדערט זיך, אונזער ראובן זאָל אַריינדרינגען אין דער פּסיכאָלאָגיע פון די טיפּען, אין דער גאַנצער אויסבילדונג פון די געשטאַלטען, ער זאָל זיך דערמאָנען עטוואָס פון דער עפּאָכע פון די 40־גער יאָרען, ער זאָל זיך אַריינטראַכטען אין דער לאַגע, אין דעם סאָציאַלען „זעלבסט־געפיהל" פון די דענקענדיגע און אידעאַליסטיש־געשטימטע מענטשען פון יענער צייט, ער זאָל זיך פאָרשטעלען דאָס בילד פון דעם אַלטפרענקישען רוסלאַנד, פון לייבאייגענטום רעכט און אז. וו. און אז. וו.... האָבענדיג אונטער׳ן האַנט דעם גאַנצען מאַטעריאַל, די אַלע פאַקטען און ידיעות, קאָן ער שוין פון זיי אויסבילדען אין זיין פאַנטאַזיע לאַווריעצקע׳ן און ליזאַ׳ן און לעממ׳ען און פאַנשינען און אז. וו. אַלס טיפּען, אַלס קינסטלערישע פאַראַלגעמיינערונגען. די דאָזיגע בילדער האָט ער פריהער אויפגענומען אַלס אינדיווידואַליטעטען. איצטער פאַרוואַנדעלט ער די אינדיווידואַליטעטען אין טיפּען, ד. ה. ער

טוט די זעלביגע זאַך, וואָס טורגעניעוו האָט געטאָן, בשעת ער האָט געשאַפען זיין ווערק. ווארום טורגעניעוו איז דאַך, ווי אַלע קינסטלער־רעאַליסטען, ארויסגעגאַנגען לכתחלה פון אינדיווי־דועלע בילדער (אָפט גענומען גלייך פון לעבען) און, ארבעטענ־דיג איבער זיי, אויסברייטערענדיג זיי, האָט ער זיי ביסלעכווייז פאַרוואַנדעלט אין טיפּען. די טיפּען און די קאָמבינאַציע זייערע אין דעם געגעבענעם ווערק שאַפען די אידעע פון'ם ווערק, וועלכע ווערט קלאָר פאַר דעם קינסטלער זעלבסט אינ'ם פּראָצעס פון דער שעפערישער ארבעט. דער קינסטלער געהט פון דעם אינדיווידועלען בילד צו דעם טיפּ, און פון דעם טיפּ צו דער אידעע. אָט דאָס איז וואָס מען קאָן אָנרופען מיט רעכט קינסטלערישע אינדוקציע.

דעם זעלבען וועג פון קינסטלערישער אינדוקציע מוז דורכ־מאַכען יענער ראובן, וואָס וויל פאַרשטעהן דעם קינסטלערס ווערק. ער חזר'ט איבער, הייסט עס, דעם שעפערישען פּראָ־צעס, פאַרשטעהט זיך, אין א פאַראיינפאַכטער פאָרמע, פיל פּאַסיווער, מיט א פיל קלענערען פאַרלוסט פון אינטעלעקטועלע קרעפטען, אין פאַרגלייך צום קינסטלער. דער גראַד פון דעם דערגרייכטען פאַרשטעהן וועט זיין אָפּהענגיג פון דער כמות און איכות פון די מיטלען, וואָס דער דאָזיגער ראובן פאַרמאָגט, און, פאַרשטעהט זיך, פון דער גרויס פון זיינע נאַטירליכע קינסט־לערישע קרעפטען. און אזוי ווי די מענטשליכע נאַטור, שכל און קינסטלערישע קראַפט זיינען זעהר פאַרשיידענאַרטיג בא פאַרשיידענע מענטשען (ניט רעדענדיג שוין וועגען דעם אונ־טערשייד אין גראַד פון אנטוויקלונג, אין כמות און אין איכות

פון די מיטלען, וואָס זיינען נויטיג צוליב דעם פאַרשטעהן פון דעם אָדער יענעם קינסטלערישען ווערק), איז במילא דאָס פאַרשטעהן און דאָס איבער׳חזר׳ן פונ׳ם שעפערישען פּראָצעס פאַרשיידען ביז דער אומענדליכקייט צווישען איין מענש און דעם אַנדערען און בא איינעם און דעם זעלביגען מענטשען אין פאַרשיידענעם עלטער.

פון דעם אויבענגעזאָגטען איז אויך קלאָר, אַז דאָס פאַר־שטעהן פון אַ קינסטלעריש ווערק, ד. ה. דאָס איבער׳חזר׳ן פון דער שאַפונג, וואָס האָט אים אַרויסגעבראַכט. קאַן קיינמאָל ניט זיין פאָלשטענדיג. דער פּראָצעס פון דעם „שאַפען“, וואָס מיר רופען פאַרשטעהן, קאַן ניט זיין אַדעקוואַט צום שאַפען פון דעם פּאָעט, נאָר ער דערנעהענטערט זיך צו אים און, וואָס עס איז וויכטיגער פון אַלץ, ער געהט מיט דעם זעלבען קינסטלעריש־אינדוקטיווען וועג. אויב ער וועט געהן מיט אַן אַנדער וועג, וועט דעם קינסטלערס ווערק בלייבען לחלוטין ניט פאַרשטאַנען. אַזעלכע פאַלען זיינען געוואוינ באַקאַנט אין דער געשיכטע פון דער לי־טעראַרישער קריטיק. עס טרעפט גאַנץ אָפט, אַז דער לעזער, איבערלייענענדיג אַ קינסטלעריש ווערק, באַנעמט קודם־כל, אָדער ער מיינט, אַז ער האָט באַנומען, זיין אידעע, ניט געבענדיג זיך די מיה אַריינצודרינגען אין דעם געבוי און כאַ־ראַקטער פון די בילדער. עס קומט אויס, ווי ווען אַ מענטש, וואָס מען האָט אים געגעבען אַ מאַטעמאַטישע פּראָבלעמע צו לייזען, אָדער וואָס וויל טרעפען אַ רעבוס, וואָלט פריהער אַ קוק טאָן אין די „ענטפערס“ און נאָכדעם שוין, אַרויסגעהענדיג פון אַ פאַרטיגער לייזונג, וואָלט ער אָנגעהויבען פאַנאַנדער־קלייבען זיך אין די באַזונדערע באַשטאַנד־טיילען פון דער

פראבלעמע אדער פון דעם רעבוס.

אזא מעטאד פון פארטייטשען קינסטלערישע ווערק — פון דער אידעע צום בילד — קאן מען באַרעכטיגען נאר אין דעם פאל, אויב דער דיכטער זעלבסט איז געגאנגען מיט דעם זעלביגען וועג, אויב ער האט געשאפען ניט שטרענג אינדוקטיוו. דאס קאן מען זעהן אין דער סימבאלישער קונסט, הינו, אין די ווערק, וואו די בילדער זיינען ניט קיין טיפען, נאר סימבאלען. דער וואס וויל באנעמען אזא ווערק דארף קודם כל אויפכאפען די אידעע, און דאס וועט אים שוין געבען דעם שליסעל צו פארשטעהן דעם סימבאל. יעדער איינער, וואס האט זיך געבראכען דעם קאפ פארטייטשענדיג די צווייטע טייל פון פאוסט, ווייס זעהר גוט, אז כדי צו פארשטעהן דאס דאזיגע שארף סימבאלישע ווערק דארף מען נאר טאן איין זאך: אריינקוקען אין דער ליטעראטור פון די מפרשים און קאמענטאריען און זעהן, וואס האט געטע געוואלט זאגען מיט דעם אדער יענעם סימבאל, — דאמאלס וועלען די סימבאלען ווערען מער אדער ווייניגער קלאר.

אלזוי, פארשטעהן א קינסטלעריש ווערק, מיינט איבערחזר'ן די שאפונג, וואס האט עס ארויסגעבראכט. אויב דער קינסטלער איז אין זיין שאפונג געגאנגען פון אינדיווידועלע בילדער צו טיפען און פון טיפען — צו דער אידעע, דארף אויך אזוי „שאפען" דער, וואס נעמט אויף דאס ווערק. אויב דער קינסטלער איז געגאנגען פון א פארטיגער אידעע צו א בילד — א סימבאל, דארף מיט דעם זעלביגען וועג געהן אויך דער, וואס וויל פארשטעהן דאס געגעבענע ווערק.

ווען מען זאגט, אז דער און דער האט פארשטאנען אדער

ניט פארשטאַנען, למשל, טורגעניעוו'ס „פּאָטערס און זין,"—
מיינט דאָס, אייגענטליך, אַז ער האָט פאַרשטאַנען אָדער ניט
פאַרשטאַנען טורגעניעוו'ן זעלבסט, אַלס
דעם אויטאָר פון'ם ראָמאַן „פּאַטערס
און זין." „פאַרשטעהן אַ קינסטלעריש ווערק" — איז
נישט מער ווי אַ פאַרקירצטער אויסדרוק אָנשטאַט: „פאַר־
שטעהן דעם קינסטלער, וואָס האָט געשאַפען דאָס ווערק", אָדער
„פאַרשטעהן דעם שאַפונגס־פּראָצעס, וואָס האָט געבראַכט צום
אויסבילדען פון דעם ווערק." דערפאַר זיינען פאַר דער ליטע־
ראַרישער קריטיק אַזוי וויכטיג די פאָרשונגען איבער דער גע־
שיכטע און דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם שאַפען פון דיכטער און
דאָס שטודיום פון זייער לעבען און טעטיגקייט אין אַלגעמיין,
און פון זייער פּערזענליכקייט — ספּעציעל.

אַלזוי, דאָס זיינען די אויספירונגען, צו וועלכע מיר קו־
מען: 1) פאַרשטעהן אַ קינסטלעריש
ווערק מיינט איבער'חזר'ן דעם פּראָ־
צעס פון שאַפונג. 2) דאָס דאָזיגע אי־
בער'חזר'ן קאָן קיינמאָל ניט זיין
פאַלשטענדיג, גענוי, — די ביידע פּראָ־
צעסען (פון שאַפען און פאַרשטעהן)
קאָנען ניט צוזאַמענגעהן זיך אין אַלע
פונקטען, קאָנען ניט זיין אַדעקוואַט;
זיי זיינען נאָר אַנאַלאָגיש. דעריבער פּאַסט
זיך דאָ זעהר דער געוויסער זאַץ פון ווילהעלם הומבאָלדט, אַז
„יעדעס פאַרשטעהן איז צו דער זעל־
בער צייט אויך אַ ניט־פאַרשטעהן, יע־
דעס איינשטימען אין די געדאַנקען

איז צו דער זעלבער צייט אויך א ניט־איינשטימען."

דאס פארשטעהן פון א קינסטלעריש ווערק איז נאר אן איינציגער פאל פון דער אלגעמיינער ערשיינונג פון פארשטעהן יענעמס געדאנקען בכלל. יעדעס פארשטעהן איז א פראצעס פון דענקען, ארויסגערופען דורך דער הילף פון ווארט (אדער זיינע עקוויוואלענטען). דער געדאנק ווערט ניט איבערגעגעבען פון איין מענטשען צום אנדערען: ער ווערט נאר אנגערעגט. דער געדאנק, וואס ווערט בא מיר ארויסגערופען דורך אייערע ווערטער, *חזר'ט איבער* דעם פראצעס פון אייער געדאנק, ווי ער האט זיך אויסגעדריקט אין די ווערטער. אויב ביידע פראצעסען וועלען זיך ארויסווייזען צו זיין אנאלאגיש (אדעקוואט קענען זיי קיינמאל ניט זיין), הייסט דאס, אז איך האב אייך *פארשטאנען*. וועלען זיי ניט זיין אנאלאגיש, וועט דא ניט זיין קיין פארשטעהן.

5.

יעדערער וועמען ס'איז אויסגעקומען אויפצונעמען קינסטלערישע ווערק און דערגרייכען צו *פארשטעהן* זיי, ווייס זעהר גוט, אז דאס דאזיגע *פארשטעהן* צייכענט זיך שארף אויס מיט דער פאלגענדיגער כאראקטעריסטישער אייגענשאפט: דער סוביעקט שטרעבט צו *פארשטעהן* דאס קינסטלערישע ווערק קודם כל *פאר זיך אליין*, אין די אינטערעסען פון זיין *אייגענעם* (ניט קיין פרעמדען) געדאנק — און דער גאנצער פראצעס שטעלט מיט זיך פאר א זאך, וואס איז אזוי *אינטים*, *פערזענ־*

ל י ד. ווי אינטים און פערזענליך עס זיינען, למשל: ליבע, תפלה, געוויסען, דאס באוואוסטזיין פון א פליכט וואס איר האט דערפילט און אז. וו. אויב א מענש פיהלט מיט׳ן גאנ־צען הארצען ליבע צו וועמען ניט איז אדער צו וואס ניט איז, און דאס געפיהל איז אים טייער, און ער נויטיגט זיך אין אים, וועט ער זיך צו איהם באציהען, ווי צו א פסיכאלאגישען אוצר, א ווערט־זאך, וואס ווערט, אזוי צו זאגען, רעאליזירט ניט אויס־סער׳ן סוביעקט, נאר אין זיין אינוועניגסטער וועלט. וואס פאר א באדייטונג די דאזיגע ליבע זאל ניט האבען פאר דעם סוביעקט, דער מענטש ליבט — פ א ר ז י ך. נאך דייטליכער טרעט ארוים דער דאזיגער שטריך אין די פונקציעס פון געוויסען. א מענטש לעבט איבער די אדער יענע געפיהלען, ארויסגערופען דורך דער ארבעט פון געוויסען, אויסשליסליך „פאר זיך זעלבסט.“ פונקט אזוי איז אויך דאס פ א ר ש ט ע ה ן אין אלגעמיין. דאס פארשטעהן פון קינסטלערישע ווערק ספּעציעל. עס איז דא קיין שום ווידערשפּרוך און קיין שטערונג ניטא מצד די אויסזיכטען אויף דער ווייטערדיגער אוטיליזירונג פון דעם פארשטעהן. דער ליטעראטור קריטיקער, ווען ער נעמט לייענען א נייעם ראמאן, האט אין זינען אנצושרייבען וועגען אים אן ארטיקעל און קאן זיך דערביי רעכענען מיט אזעלכע צוועקען ווי, למשל, דאס פּראפּאגאנדירען פון זיינע ליטערא־רישע, מאראלישע, פּאליטישע אידעען און אז. וו. כל זמן אבער ער איז נאך פארנומען מיט׳ן לייענען פונ׳ם ראמאן, און כל זמן זיין נאהענטסטע אויפגאבע איז דאס ווערק צו פארשטעהן, שטרעבט ער צו דעם דאזיגען פארשטעהן צ ו ל י ב ז י ך, פארשטעהט זיך, אויף ווי ווייט ער איז פאראינטערעסירט מיט דעם ווערק וואס ער שטודירט.

ווייבאלד מיר האבן אנערקענט, אז דאס פארשטעהן פון א קינסטלעריש ווערק מיינט דאס איבער'חזר'ן פון דער שאפונג, וואס האט עס ארויסגעבראכט, און ווייבאלד עס איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז דער סוביעקט שטרעבט צו פארשטעהן הויפּטזעכליך פאר זיך זעלבסט, אין די אינטערעסען פון זיין אייגענעם געדאנק, מוזען מיר דעם זעלביגען שטריך צושרייבען אויך צו דער שאפונג פון'ם קינסטלער זעלבסט: דער קינסטלער שאפט קודם כל צוליב זיך אליין. דער דאזיגער אויספיר ווערט באשטעטיגט דורך פיל באאבאכטונגען איבער דעם פראצעס פון קינסטלערישען שאפען, ווי אויך דורך דירעקטע עדות־זאגען פון קינסטלער אליין. יעטווידער קינסטלעריש ווערק, וואס פארדינט כאטש וויפיל ניט איז דעם נאמען „קינסטלעריש“, ווערט געבארען אלס א פראגע, וואס דער קינסטלער וויל פארענטפערען, אלס א פראבלעמע, וואס ער שטרעבט צו לייזען. אט דער ענטפער, וואס ער וויל געפינען, די לייזונג — דאס זיינען באדערפעניסען פון זיין געדאנק פון זיין נשמה. באשאפענדיג זיין ווערק, באפרידיגט ער די באדערפעניש זיינע — ער „ווערט פון איר פטור“, אזוי צו זאגען, ווי לערמאנטאוו האט זיך „אפגע'פטר'ט“ פון זיין „דעמאן“ — מיט פערזען. אין דעם זין שאפט דער דיכטער „פאר זיך“. און עס איז צו דעם קיין שום ווידערשפרוך ניטא, כאטש עס איז אן אלגעמיין באוואוסטער פאקט, אז זעהר פיל קונסטווערק (גרויסע אריינגערעכענט) זיינען באשאפען געווארען — לויט באשטעלונגען. אלע גרויסע ארכיטעקטור ווערק זיינען באשאפען געווארען אויף באשטעלונגען, ווי אויך פיל ערשט־קלאסיגע שאפונגען פון דער

סקולפטור און מאלעריי. אין אזעלכע פאלן דארף מען זיך, קודם כל, פאנאנדערקלייבן אין דער פראגע: צי איז געווען באשטעלט נאר די אויספירונג, אדער די באשטעלונג האט זיך באצויגן אויך צו דער אידעע פונ'ם ווערק. עס איז באקאנט, אז אין דער ווייט גרעסטער צאל פאלן קומט דאס טאקע אזוי פאר: דער קונד שטעלט צו דעם קינסטלער געוויסע פאדערונגען, וואס ער דארף שילדערן, וואס ער זאל אויסדריקן אין זיין ווערק. עס איז נים שווער איינצוזעהן, אז די דאזיגע פאדערונגען מעגען אויך נים סותר זיין דעם קינסטלערס איניציאטיוו, איבערלאזענדיג פאר אים די מעגליכקייט צו שאפען פאר זיך, ד. ה., אויספירענדיג די באשטעלונג, קאן ער פארוואנדלען די פארגעבענע טעמע, די פארטיגע אידעע אין א פראגע, אין א פראבלעמע, און סטארען זיך צו פאדענטפערן די דאזיגע פראבלעמע אויף אזא אופן, אז איר לייזונג זאל קודם־כל באפרידיגען די באדערפענישען פון זיין, דעם קינסטלערס, געדאנק, זיין אייגענע שטימונג, זיינע פערזענליכע געפיהלען. אויב דאס האט זיך אים איינגעגעבען, וועט דער גאנצער שאפונגס פראצעס, כאטש ער איז אונטערגענומען לויט א באשטעלונג און אויף א פארטיגער טעמע, וועט ער דאך זיין — אין פסיכאלאגישען זין — א נשמה זאך, שטרענג־פערזענליך, אנגעהויבען און אויסגעפירט פאר זיך, צו דער באפרידיגונג פון דעם קינסטלערס אייגענע באדערפענישען פון זיין געדאנק און געפיהל.

אט דאס איז וואס מען פארשטעהט געוויינטליך — אלס אויפריכטיגקייט אין דער קונסט.

די פראַגע פון אויפריכטיגקייט אין קונסט געהערט צו די קאָמפּליצירטע און, בא היינטיגען טאָג, וועניג באַארבעטע פראַגען אין דער פּסיכאָלאָגיע און געשיכטע פון קינסטלערישען שאַפען. מען מעג דאָס מיט רעכט באַטראַכטען — אַלס די פראַגע פון קינסטלערישער עטיק.

אין דער קינסטלערישער דערקענטעניס, אַזוי ווי אין דער וויסענשאַפטליך־פילאָזאָפישער, איז פראַן איר אייגען, אַזוי צו זאָגען „אינטעלעקטועלעס" געוויסען, אַנאַלאָגיש צום מאָראַלען געוויסען. דיביידע סאָרטען געוויסען זיינען, מיט אַ פּסיכאָלאָגישער נויטווענדיגקייט, אינערליך פריי, און בלייבען אַזוי בא אַלע מעגליכע און אוממעגליכע אויסערליכע שטערונגען און באַגרענצונגען פון זייער פרייהייט. דאָך נויטיגען זיי זיך אין גאַראַנטיעס פאַר זייער אויסערליכער פרייהייט, כדי זיי זאָלען קאָנען ריכטיג פונקציאָנירען, ניט מורא האָבען אַרויסצוצייגען זיך אין זייער אויסערליכען אויסדרוק און, פאָלגליך, ווירקען אויף דער אַרומיגער סביבה. — דאָס געוויסען, דאָס מאָראַלישע (אין ענגען זין), אַזוי אויך דאָס „אינטעלעקטועלע" (דאָס דערקענטעניס־געוויסען) מוז זיין פריי בירגערליך און פּאָליטיש — טאַקע דערפאַר, וואָס עס איז פּסיכאָלאָגיש פריי, וואָס עס איז שוין על פּי טבע — ניט קנעכטיש און קאָן אַלס קנעכט ניט גילטען. די גאַנצע געשיכטע פון קונסט אָבער, אָנהויבענדיג פון אַלטערטום ביז היינטיגעי טאָג, אַזוי אויך ווי די געשיכטע פון וויסענשאַפטליך־פילאָזאָפישען געדאַנק, שטעלט מיט זיך פאָר אַ בילד פון פאַרשיידענע באַגרענצונגען פאַר דער פרייהייט צו שאַפען, פון צענזור פאַרוועררונגען (קאָדעפיצירטע און ניט קאָדעפיצירטע) און פון אַ שטענדיגען קאַמף פאַר הער

פרייהייט צו שאַפֿן. דער ערפֿאָלג פֿון דעם קאַמף איז שטענ־דיק געווען, פֿאַרשטעהט זיך, אָפּהענגיג אין אַ געוויסער מאָס פֿון די ערפֿאָלגען פֿון קאַמף פֿאַר בירגערליכער, פּאָליטישער און רעליגיעזער פרייהייט. עס וואָלט געווען אפילו זעהר אַ שווערע אויפגאַבע, אבער צו דער זעלבער צייט אויך זעהר אַ רייצענדי־גע — צו שטודירען די פּ ס י כ אָ ל אָ ג י ש ע ע וו אָ ל ו־צ י ע פֿ ו ן א ו י פֿ ר י כ ט י ג ק י י ט א י ן ק ו נ ס ט אין פֿאַרבינדונג מיט דער געשיכטע פֿון׳ם קאַמף פֿאַר פרייהייט.

נאָר אחוץ די אַלע שטערונגען פֿון דער צענזור און די ריין־פּאָליטישע מניעות, וואָס לעגען ארויף אַ מין „טאַבו“ אויף געוויסע סיוזשעטען, טעמעס, געדאַנקען, געפֿיהלען און אז. וו.. וויים נאָך די קונסט פֿון אנדערע שטערונגען, וואָס זיינען, פֿי־לייכט, נאָך מער שעדליך פֿאַר דעם קינסטלערס אויפריכטיג־קייט. דאָס זיינען די מניעות, וואָס שטאַמען פֿון איינגעשטעל־טע טראַדיציעס אין דער קונסט גופא, פֿון די מעטאָדען פֿון שאַ־פֿען, וואָס זיינען אַלגעמיין אָנגענומען אין דער געגעבענער צייט, פֿון די, ווי מען רופֿט זיי, „שולען“, ליטעראַרישע ריכ־טונגען און די אַלע אַנדערע שאַבלאָנען, וואָס זיינען אַלמעכ־טיג — ווי די געוואוינהייט, באַלעבאַטעווען — ווי די מאָדע, און זיינען לעבענס־פֿעהיג — ווי פֿאַראורטיילען. לאָמיר דער־מאָנען כאָטש דעם, אזוי גערופֿענעם, „פּסעוודאָ־קלאַסיציזם“ אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור, מיט וועלכען די פּאָעזיע פֿון 18־טען און אָנהויב 19־טען יאָר־הונדערט האָט געהאַט אויס־צושטעהן אַזאַ שווערען קאַמף, שטרעבענדיג צו פרייהייט פֿון שאַפֿן. דער „סענטימענטאַליזם“ פֿון 18־טען יאָר־הונדערט און נאָך מער דער „ראָמאַנטיזם“ זיינען געווען אַ מין „בונט“ אַנ־קעגען די שאַבלאָנען און קייטען, אין וועלכע די קונסט (דער־

הויפט, די ליטעראטור) האט זיך געשטיקט אין דעם 17־טען און 18־טען יאר־הונדערט. דאס אויפבליהען און דאס פארשפרייטען זיך פון דעם ראמאנטיזם, וואס איז געגאנגען ווי אן עפידעמיע, האט אנגעמאכט א גאנצע רעוואלוציע אין דער קונסט. האט זי באפרייט פון דעם יאך פון קאנווענציאנעלע פארמען און מעטאדען און האט געגעבען די פאעטען א מעגליכקייט צו זיין „אויפריכטיג" אין זייער שאפען. נאר האבענדיג אויפגעטאן די גרויסע באפרייאונגס ארבעט, איז דער ראמאנטיזם אליין גאנץ גיך פארוואנדעלט געווארען אין א קאנווענציאנעלע, רוטינע פארמע, אין א שאבלאן, וואס האט געשטערט דער שאפונגס פרייהייט. דעם ר ע א ל י ז ם, וואס האט זיך אנגעהויבען צו באווייזען אין פארשיידענע ליטעראטורען (פון אנהויב פון 19־טען יאר־הונדערט אן), איז אויסגעקומען ווידער אויפצוהויבען די פאן פון אויפשטאנד. עס איז באוואוסט מיט וואס פאר א שוועריגקייטען עס איז אויסגעקומען צו קעמפען אט דער נייער, אזוי שטארק לעבענס־פעהיגער און ראציאנאלער ריכטונג פון קינסטלערישען גדאנק, — ווי פיל פאראורטיילען, בכיוון׳דיגען און אומגערענדיגען ניט־פארשטעהן זי האט אויף איר וועג געטראפען. נאר אויך וויפיל דער רעאליזם אין קונסט איז אליין אויך א „ריכטונג", א „שול", און איז פעהיג אויסצוארבעטען זיין אייגענע טראדיציע, אויף אזוי פיל איז אים אויך פארגעשטאנען די געפאר פארוואנדעלט צו ווערען אין א שאבלאן. אין א טויטער פארמע, פארגליווערט צו ווערען אין א רוטינע פון מעטאדען, מאניער, פארם פון צייכענונג און אפילו פון דער באציהונג זעלבסט צו דער ווירקליכקייט. זאלא און דאדע זיינען רעאליסטען, און דאך האט דער רעאליסט טורגעניעוו, אפגעבענדיג רעכט זייערע טאלאנטען און פאר־

דינסטען, געשריבענע פונדעסטוועגן, אז פון „זייער ליטעראטור שטינקט מיט ליטעראטור". אין דער'אמת'ן, דער פּאָעט־רעאַליסט, אויב ער איז דערצו אַ מענטש פון „שול" און אַ „ליטעראַרישער בעל־מלאכה", קאָן גאַנץ לייכט, ניט ווילענדיגערהייט און אומגערן, פארבייטען זיין פרייע שאפונג אויף ליטעראַרישע פאָרפאַסעכץ; אליין די שטרענגע מעטאָדען פון רעאַליסטישען שרייבען קאָנען נאָך ניט פארהיטען פון געקינצעלטקייט און טויטקייט, פון רוטינע און שאַבלאָן. עס וואָלט, פארשטעהט זיך, געווען אַן אומרעכט צו באשולדיגען אַהולאָם אין אַזאַ אַרט „פאַרפאַסעכץ" די גאַנצע שאפונג פון זאָלאַ, דאָדע און אַנד., עס איז אָבער אָהן קיין שום ספק, אַז איינציגע פון זייערע ווערק זינדיגען שטאַרק אין דער הינזיכט. אין אַלע ליטעראטורען וועלען זיך געפינען אומגעהענדיגע שאַבלאָן מוסטערען, אַנגעשריבען לויט אַלע רעגעלען פון רעאַליזם, און וואָס זיינען אַזוי „בוך־מעסיג" און אָהן לעבען, ווי די באַטרעפענדיגע פיגורען פון די ראָמאַנטישע און פסעוודאָ־קלאַסישע „העלדען".
צום ענדע פון 19־טען יאָר־הונדערט, ווען דער רעאַליזם האָט אָנגעהויבען צו דעגענערירען אין קאָנוועניאָנעלע פארפאַסערייי, האָט מען אין פארשיידענע קונסטען (איבערהויפּט אין דער פּאָעזיע און אין דער מאַלעריי) ווידער אויפגעהויבען די פאַן פון אויפשטאַנד. אָנגעהויבען די רעוואָלוציע האָבען די „נעאָראָמאַנטיקער", סימבאָליסטען און דעקאַדענטען; זייער פּראָטעסט האָט בלי־ספק מיטגעהאָלפען געזינטער צו מאַכען די רעאַלע קונסט, די רוטינע און שאַבלאָנע האָבען אָנגעהויבען אָפּפאַלען און ווערען ווייניגער, די שאפונג איז באַרייכערט געוואָרען מיט איינציגע נייע מעטאָדען פון געדאַנק, וואָס האָבען אָפּגעשפּיגעלט די „נייע ווינטען" אין דער קונסט. דאָס שאפען

פון גאָרקי'ן איז אַ מין קאָמפּראָמיס צווישען רעאַליזם און ראָמאַנטיזם. עס זיינען פראַן סימבאָלישע טענער אין דער פּאָעזיע פון טשעכאָוו און קאָראָלענקאָ. ל. אנדרעיעוו — איז אַ רעאַליסט אויף זיין אייגענעם שטייגער*), וואָס פּאַסט זיך אבער ניט אריין אין די ראַמען פון קיין ריכטונג אָדער שול, ווי עס האָט זיך אין זיין צייט ניט אַריינגעפּאַסט — דאָסטאָיעווסקי. אויף די אויגען באַ אונז קומט פאָר אַ פארשנעלערטע עוואָלוציע פון רעאַליזם אין קונסט**).

נאָר וואָס ווייטער די דאָזיגע עוואָלוציע געהט אָן, געהען די „נייע ריכטונגען" מיט פונקט אַזאַ שנעלען טעמפּאָ צו רוטינע, צו שאַבלאָן און בוד־מעסיגער פאַרפאַסעכץ. דעם נעאָ־ראָמאַנטיזם, סימבאָליזם און דעקאַדאַנץ דראָהט דער שיקזאַל פון דעם אַלטען ראָמאַנטיזם: אָנגעהויבען רעוואָלוציאָנער, ווען זיי ענדיגען מיט אַפּגעשטאַנענקייט. עס איז מערקווירדיג, וואָס די סאמע „רעוואָלוציאָנערע" ריכטונגען אין דער קונסט, וואָס האָבען אזוי געוואגט ארויסגעשטעלט דעם פּרינציפּ פון פרייען שאַפען אַקעגען דעם אַלטען שאַבלאָן, דערגעהענדיג דערביי ביז מוטוויליגקייט און קאַפּריז, ווערען מערקווירדיג שנעל דעגענערירט אין אַ נייעם שאַבלאָן, אין געקינצעלטקייט, רוטינע, פּאָזע, און, ניט באַווייזענדיג פאַנאַנדערצוביהען זיך, (באַנוצענדיג זיך מיט טורגעניעוו'ס לשון) שטינקען זיי שוין מיט ליטעראַטור צי מיט אַן אַנדער מין „פּאַרפאַסעריי."

---

*) דאָ ווערט געמיינט די בעסערע דערציילונגען אַנדרעיעוו'ס, וואו ער האָט זיך נאָך ניט באַנוצט מיט קיין סורראָגאַטען פון שאַפונג, — פאַרפאַסענדיג סכעמאַטישע בילדער און אַוועקשטעלענדיג חכמה'דיגע פּראָבלעמעס פון אַ צווייפעלהאַפטער טיפקייט.

**) באַ אונז האָט זיך דאָס דייטליכער פון אַלץ אַרויסגעוויזען אין די בעסערע זאַכען פון קופּרין און אַרציבאַשעוו.

עס איז ניט שווער צו באמערקען, ווי ענג צוזאמענגעבונדען עס זיינען די דאזיגע ערשיינונגען, — דאס בייטען זיך פון ריכטונגען און שולען אין דער קונסט, דער קאמף צווישען זיי, דער פראטעסט געגען שאבלאנען און טראדיציעס און אז. וו. — מיט דער פסיכאלאגישער עוואלוציע פון שעפערישער אויפריכטיגקייט, מיט די פאדערונגען פונ׳ם „אינטעלעקטועלען געוויסען“, מיט דער שטרעבונג צו פרייהייט פון קינסטלערישען געדאנק, וואס ווערט גאר ניט אפגעשוואכט.

מיר האבען דא אן ערשיינונג, אנאלאגיש צו דעם, וואס מען קאן זעהן אין דער ספערע פון מאראל, ווען דאס מענטשליכע געוויסען און זיין אינדיווידועלע עטיק הויבען זיך אן צו פיהלען געענגט אין די איינגעשטעלטע שאבלאנען פון מאראלע באגריפען, מיט די אלגעמיין אנגענומענע רעגעלען פון אנשטענדיגקייט, ענדליך מיט די פאראורטיילען און פארעלטערטע באגריפען.

אויך דא הויבט אויף די פערזענליכקייט די „פאן פון אויפשטאנד“, שטרעבענדיג אויף א „רעוואלוציאנערען אופן“ צו באנייען די פארשימעלטע מאראל, וואס הערשט אין דער געגעבענער סביבה. נאר אויך דא איז אקוראט אזוי גרינג אריבערצוגעהן פון געזעצליכען פראטעסט צו אומגעזעצליכער מוטוויליגקייט און אריינפאלען אין מאראלישען דעקאדאנץ, פון וואנען עס עפענט זיך מיט א פסיכאלאגישער נויטווענדיגקייט די פערספעקטיוו — פון א נייעם מאראלען שאבלאן, א נייע מאראלע רוטינע, פיליייכט נאך מער שטיקענדיג ווי די פריהערדיגע.

יעדע אנטוויקלונג, יעדער פראגרעס — געזעלשאפטליכער,

פּאָליטישער, אינטעלעקטועלער, מאָראַלער — באַגעהט זיך ניט אָהן די פאַרשיידענאַרטיגסטע קראַנקהאַפטע פּאַסירונגען און עקסצעסען, אָפּוועגדונגען פון גלייכען וועג און אַז. וו. די גע־זעצען פון אַנטוויקלונג טרעפען זיך ניט צוזאַמען מיט די רע־גלען פון פּסיכאָלאָגישער היגיענע. פונדעסטוועגען האָבען מיר דאָך אַ מעגליכקייט צו קריגען אַ פאָרשטעלונג וועגען „גלייכען וועג" פון אַנטוויקלונג, וועגען דעם „נאָרמאַלען", „גע־זונטען" וואַקסען; אויפ'ן געביט פון שאַפען דערנעהענטערט זיך אַזאַ פאָרשטעלונג שטאַרק צו דעם, וואָס מען קאָן אָנרופען „פּסיכאָלאָגישע היגיענע" פון געדאַנק. און היינט צו־טאָג ווע־רען שוין די „געזעצען" פון דער דאָזיגער היגיענע גאַנץ דייט־ליך אָנגעמערקט.

זיי ווערען געבראַכט צו די געזע־צען פון דער גרעסטער עקאָנאָמיע און פּראָדוקטיווקייט פון דערקענטעניס.

אויפ'ן וויסענשאַפטליך־פילאָזאָפישען געביט ווערט אַזאַ דערקענטעניס דערגרייכט דורך דער באַשאַפונג און פאַנאַנדער־אַרבעטונג פון עקזאַקטע אויספאָרשונגס־מעטאָדען.

אויפ'ן געביט פונ'ם קינסטלערישען דענקען ווערט דאָס דערגרייכט דורך דער באַשאַפונג און פאַנאַנדעראַרבעטונג פון ראַציאָנאַלע מעטאָדען פון שאַפען.

שטודירענדיג די נאָרמען און די וועגען פון פּראָגרעסי־ווען ראַציאָנאַלען דענקען, צו וועלכע די מענטשהייט האָט זיך אַרויפגעאַרבעט אין דער וויסענשאַפט, אין דער פילאָזאָפיע, אין דער קונסט, שטעלען מיר אויף דעם פאָלגענדיגען פּרינציפּ: דער נאָרמאַלער גאַנג פונ'ם דערקענענדיגען געדאַנק, זיין „גלייכער וועג", זיין געזונטער וואוקס, דאָס אַלץ איז ניט מען ווי — אַ

פאראייניגונג פון פ ס י כ א ל א ג י ש ע ר פ ר י י ה י י ט מיט לאגישער דיסציפלין.

די עקזאקטע וויסענשאפט און די רעאלע קינסט גיבען אונז מוסטערען פון שטרענגער לאגישער דיסציפלין פון גע־דאנק, צוזאמענגעזעצט מיט פסיכאלאגישער פרייהייט פון שאַ־פען, פון וועלכע די מענטשען פון פריהערדיגע צייטען האבען גארנישט געוואוסט, ווייל זייער מח איז געווען געשמידט מיט אבליגאטארישע רעליגיעזע דאגמען און געפענטעט אין די קיי־טען פון מיטהאלאגישע קאטעגאריען פון דענקען. מען קען דער־וויזען, אז טאקע אט די לאגישע דיסציפלין פון ראציאנאלען דענקען האט דאס געבראכט צו דער באפרייאונג פונ׳ם מענטש־ליכען שכל און האט צעבראכען די קייטען פון שאפען. מען קאן באווייזען, אז די ערפאלגען פון עקזאקטען וויסען האבען מעכטיג געווירקט אויך אויף דער קונסט, אויף די מעטאדען פון וועלכער עס האט זיך אזוי אדער אנדערש אפגעשפיגעלט די פארפאלקאמונג פון די מעטאדען פון וויסענשאפטליך־פי־לאזאפישען געדאנק. ס׳איז גענוג צו דערמאנען די פארצייטיגע עלאדע, די עפאכע פון רענעסאנס, דעם 18־טען און 19־טען יאר־הונדערט. צווישען דעם וויסענשאפטליך־פילאזאפישען דענקען און דעם קינסטלערישען האבען זיך פארקניפט שטארקע פסיכאלאגישע פעדים — פון צ ו ז א מ ע נ ו ו ־ר ק ע ן א ו ן ג ע מ י י נ ש א פ ט ל י כ ע ר ע ו ו א ל ו צ י ע. די „פראַ־זע“ און די „פאעזיע“ לעבען, איינוויקלען זיך, פראגרעסירען — צוזאמען.